STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06052

MENTSHN FUN MAYN DOR

B. Batshelis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענטשן פון מיין דור

לידער, פּאָעמען, באַלאַדן און
איבערזעצונגען פון דער וועלט פּאָעזיע

פון

ב. באַטשעליס

בילדער: מישא אשקענאזי

אַרויסגעגעבן פון
עליזאַבעט און ראָבערט באַטשעליס
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע
1953

PEOPLE OF MY GENERATION

(MENTCHEN FUN MEIN DOR)

Verses, Poems, Ballads and Translations
from the World's Poetry

By

B. BACHELIS

Paintings by — M. ASKENAZY

Published by
ELIZABETH and ROBERT BACHELIS
Los Angeles, California
1953

PRINTED IN U.S.A.

ECONOMY TYPESETTING SERVICE
244 HARLEM PLACE
LOS ANGELES 12, CALIFORNIA

אויפן פרישן קבר פון מיין לעבנס־חבר

מיטוואָך, דעם 22טן יולי, 1953, **האָט מיין ליבער, איידעלער מאַן און** עטרייער פאָטער, באַרני (ברוך) באַטשעליס געלייענט די לעצטע קאָרעקטורן ון דאָזיקן בוך, גרייט צום דרוק, א בוך וואָס ער אַליין האָט צוגעגרייט ווי אַ אמלונג פון דעם בעסטן טייל פון זיינע שאַפונגען — לידער און באַלאַדן, וואָס ר האָט געשאַפן, געשריבן און אָפּגעדרוקט אין צייטונגען און זשורנאַלן אין אַ שך פון 45 יאָר, נאָר ליידער האָט ער ניט זוכה געווען צו דעם נחת־רוח ו זען זיין לעבנס־ווערק אָפּגעדרוקט — אַ זאַך וועגן וואָס ער האָט יאָרנלאַנג עחלומ׳ט און געהאָפט צו דערלעבן.

די זעלבע נאַכט האָט זיך אין שלאָף זיין לעבן פאַרענדיקט אין עלטער ון 66 יאָר.

ער איז געווען פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור, אין יידישער קונסט, ין דער יידישער שפּראַך און, נאַטירלעך, אין זיין שרייבן, האָט זיך באַגייס־ ערט פאַר דעם פּראָצעס פון שאַפונג. זיינע לידער זיינען געפלאָסן לייכט, ופילעוודיק, ליריש. אין אַלע זיינע לידער איז געווען אַן אמתער יידישער ניגון.

ברוך איז געווען אַ געמיטלעכער מענטש, אַן איידעלער, אַ גוטמוטיקער. ר איז געווען פאַרליבט אין שיינקייט, געזאַנג, פילאָזאָפיע, געלעכטער, ביכער **ון חלומות. און מער ווי די אויסגערעכנטע מעלות האָט ער ליב געהאַט מענטשן.**

וויסנדיק וואָס זיינע שאַפונגען האָבן געמיינט פאַר אים, גיבן מיר איבער אָס דאָזיקע בוך, זיין לעבנסווערק, צו דער וועלט, אלס אייביקער אָנדענק **אָך אים.**

עליזאַבעט באַטשעליס.

IN MEMORY OF MY BELOVED FATHER

On a late July afternoon in 1953 my father made his last revision and correction on the culmination of his life's literary work. He passed away that same night, and thus missed an event to which he had looked forward with the greatest anticipatory delight and excitement—the publication of this book.

It represents a collection of poems covering a span of some 45 years, and a culling from a total output that would fill six such volumes. My father was a rare kind of writer. He wrote with the relish of a raconteur telling a story to an enraptured audience. He loved the actual work, the time, and the process of his creating. He wrote painlessly, without suffering. His lyrics flowed.

He was a tranquil man; a gentle man; a serene man. He loved beauty, song, philosophy, laughter, books, and dreams. And he loved people.

This was my father.
These are his poems.

Robert Bachelis

געווידמעט
מיין פרוי, מיין חבר,
מיין לעבנס באַגלייטערין
לאה׳ן

ברוך (באַרני) באַטשעליס

1886—1953

מײַן שטאָם

מיין פרוי

איז טראַכט איך, דאָס איז ניט קיין חניפה,
ווען אַ מאַן קאָן אָפּן דערקלערן;
זיין פרוי, איז איינע פון טויזנט,
און ווען ביי אַ ספר דאָס שווערן;

דריי צענדליק און פיר, און צוזאַמען,
מיט קיין וואָרט אַ שלעכטס ניט געביטן;
מיט טרייע און שיינע געפילן,
דעם כבוד דעם מאַן אירן היטן . . .

אין גאַנג פונם לעבן פאַסירט אָפט,
ס'זאָל עפּעס דער וויב ניט געפעלן;
איז אָבער איר שטענדיקער שמייכל,
געווען, וואָס פלעגט אַלץ שוין פאַרשטעלן . . .

געווען אָפט דער לאַסט גאַר אַ שווערער,
פון לעבן אויף פּלייצעס צו טראָגן . . .
איז פלעגט שטענדיק מיט פאַקטן באַווייזן,
„מיר האָבן זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן" . . .

און האָט זי ביי ווען אין פּנים,
געזען פון נויט יענעם צייכן . . .
איז זי שוין געווען פון די ערשטע,
די הילף וואָס גיכער זאָל גרייכן . . .

דאָס איז מיין פרוי, מיין געליבטע,
אַ קליינינקער טייל פון איר לעבן;
— איז שפּאַנען מיר ביידע אינאיינעם,
מיט חלומות, מיט טרוימען און שטרעבן . . .

אייגענע און פרעמדע

דער זיידע :

ניט קיין שטאַרק געוויקסיקער, אויך ניט קיין מאָגערער,
מיט אַ שיינעם ליכטיקן פּנים,
מיט אַ שיינער, צעוואָקסענער, גרויסער, ווייסער באָרד,
שטענדיק געווען שיין צעקעמט
די ניט-געשווירענע שפּיצן, די שפּיצן האָבן שטענדיק
געגרייכט אַריבער די לאַצן, פון זיין זיידענע און
תמיד ריינער שוואַרצער קאַפּאָטע;
שטאַרק באַהאַריקע ווייסע ברעמען, צוויי גרויסע ליכטיקע
ווי ערשט-געפאַלענער, פּוכיקער שניי,
אונטער יענע ווייסע ברעמען, צוויי גרויסע ליכטיקע
און ווייט-זעענדיקע אויגן . . . אַ גרויסער, און דאָך
ניט שטאַרק צעקניטשטער שטערן,
אַ שטאָלצער מענטש, אַ פרומער, אַלט-פרענקישער ייד,
אַן אמתער ערלעכער גוטמוטיקער זיידע;
— אַ זיידע פון יענער צייט, אַלט-אַלטער וועלט . . .
רב לייבוש; אַ ייד וועלכער איז שטאָלץ געווען
אויף זיין יחוס,
ער אַליין, דער שטאָלץ פון דער גאַנצער
משפּחה . . .
עפּעס אַ קליינעקייט זיין קענטעניש אין גאַנץ ש״ס . . .
און זיינע פיר שפּראַכן חוץ דער הייליקער . . . ?

רב לייבוש; אַ קלוגער, שטאָלצער, מילדער, גוטער מענטש.
דער זיידע, דער שיינער און אָנגעזעענער ייד פון
קליינעם שטעטל קאשאוואטע, האָט
געלעבט אַלע זיינע יאָרן כמעט ווי אין רייכטום . . .
און אין גרויס כבוד, ביז אין זיין אַלטער טיפער עלטער.

די באבע:

די באבע, אַן אמתע יידישע באבע!
אַ שיינע צניעותדיקע פרומע יידענע,
מיט איר שיינעם ווייסן זיידענעם טיכל אויף איר קאָפּ;
ווי אַ ווייסער זיידענע פּרוכת צוגעדעקט,
און פאַרשטעלט אירע ווייסע גרויע האָר, יהודית,
די פרומע יהודית, פון דער משפחה אפרת,
מיט אירע שיינע פינקלדיקע שנירלעך פּערל,
זיבן בענד; אויסגעשנירטע האָבן תמיד
אַראָפּגעגלאַנצט פון איר יידישן האַלז, די פּערל
זיינען געווען אַ ירושה פון אַ סך, אַ סך דורות...
די קלוגע, צניעות׳דיקע באבע, די דאַמאָלס וועלטלעכע
קלוגע יידענע...
האָט נאָך אין יענע יאָרן גוט געשפּילט שאָך
און האָט אַלעקסאַנדער צעדערבוימס „המליץ"
שטענדיק געלייענט,
און אַלע ווייבער פון שטאָט, און אַרומיקע שטעט
און שטעטלעך האָבן זי מקנא געווען;
אירע זילבערנע ברילן, מיט די צוויי לאַנגע שלייפן
זענען געווען שטענדיק פאַררוקט אונטער
אירע אויערן,
— יענע ברילן האָבן שטענדיק געלייענט
יעדעם געדרוקט וואָרט, און יעדער שורה.
יענער מח האָט געקענט גוט דענקען און אויך
קלערן, און פאַרשטיין ניט בלויז וואָס איז געווען
געשריבן אין די קליינע פינטעלעך, זי האָט אויך גוט
געוואוסט יעדן צייכן, וואָס האָט געמיינט אַ ישועה
פאַר יידן...

אַז די טיפע עלטער האָט זיך לאַנגזאַם
גענומען אָנרוקן, האָט די פרומע באבע מיינע,
גענומען אין דער שטיל אָפּט צוזיפצן.
זי האָט גוט געוואוסט דאָס לעבן פונם מענטשן.

גוט פאַרשטאַנען דעם זין פון מענטשלעכן לעבן . . .
זי האָט געוואוסט אַז אַ מענטש לעבט ניט אייביק,

„געלויבט איז גאָט", פלעגט זי אָפט זאָגן,
דאַנקען דעם וואָס לעבט אייביק, די קינדער זענען שוין
פאַרזאָרגטע, אויסגעגעבענע, אַ גרויסע משפחה, פינף
זין, דריי טעכטער, און פערציק אייניקלעך . . .

אמת די יינגסטע טאָכטער שפרה, איז נאָך
דערוויל ניט קיין אויסגעגעבענע, אָבער רב לייבושן
קענען אַלע, און אינאיינעם מיט יחוס, איז נדן אויך
פאַראַן . . .
שבת, תיכף נאָך הבדלה,
זיצט דער זיידע ביים טיש און רויכערט,
רויכערט, און פאַרטרינקט מיט הייסע טיי,
ער בלאָזט דעם רויך פונם שווארצן גראָבן ציגאַר זיינעם
מאַיעסטעטיש, און פאַרקלערט;
פאַרקלערט פונקט ווי דער אַפטייקער דער דייטש,
וועלכער רעדט מיט אַלעמען כמעט יידיש; און אויף
יעדער זאַך לאָזט ער אוים מיט די ווערטער, ס'איז
אַ חלול-השם . . .
קאשאוואטער יידן לאַכן, קוועלן אָן פונם אַפטייקער
— אַ קלוגער מענטש, און דאָך אַ גוי . . .
ער, דער אַפטייקער, רויכערט אויך ציגאַרן, און שילט
דעם צאַר, „אַז פגר'ן זאָל ער ! . . ."

זיצט דער זיידע ביים טיש און טרינקט טיי,
טרינקט, און וואַרט,
רויכערט זיין ציגאַר און טראַכט, אָט באַלד וועט מאָטל
אַריינקומען.
מאָטל, אַ זיידענער יונגערמאַן, איז זיין
יינגסטער איידעם.
מיט מאָטלען האָט ער ליב שאָך שפּילן, און שמועסן . . .
אַרומריידן פון וועלט-זאַכן,
בפרט ווען מען שפּילט שאָך, קען מען טראַכטן? . . .
און דער זיידע גיט אים דאַמאָלס צו פאַרשטיין,

אַז באַלד־באַלד, וועט אויפן ברעטל, וואָס געשען . . .
און די מלכה, וועט דעם וועג פאַרשטעלן,
טע־טע־טע, מאָטל! וועסט זיין ביי מיר מאַט . . .
מאָטל נעמט זיך צופּען ביי זיין
קורץ שפּיציק בערדל
און שפּרינגט אונטער מיטן פערדל,
אַזוי ווי אַ קונציקער כוואַט,
און לאָזט זיך ניט ווערן מאַט;
דערביי ענטפערט ער מיט אַ ניגון פון דער גמרא,
„שווער לעבן, ניין!"
אַזוי ווייט וועט איר ביי מיר ניט גיין,
מחמת מיין גמרא זאָגט, אַז ס'איז מעגלעך,
אַז איך וועל קאָנען צונעמען ביי אייך אַ פּאָר ציגלעך . . .
„טע־טע־טע!"
לייגט דער זיידע צו זיין רעכטע האַנט צו זיין
גרויסן שטערן,
און נעמט זיך אַזוי פילאָזאָפיש פאַרקלערן . . .
און באַלד טאַקע, טוט ער אַ זאָג,
„איינס, צוויי,
נאַ דיר, מיין גרויסער כוואַט
אַצינדערט ביסטו אויף אַן אמת — מאַט!"

שפּעטער, קומט צוגיין ר' הערשל ליטמאַן,
און מיט אים, דער קאַשאַוואַטער רב, ר' יצחק,
קומען זיך עצה'ן מיטן זיידן וועגן עפּעס אַ וויכטיקן
שטעטלשן ענין.
זיצט מען שוין אַלע אַרום טיש און מען רעדט,
הייסט דער זיידע טיי דערלאַנגען,
זיצט די באָבע ניט ווייט פונם טיש אויף איר
גרויסן און ווייכן שטול, און לייענט,
זי לייענט דעם „המליץ" אַזש פון פּעטערבורג,
זי לייענט און זיפצט,
„זיינען יידן געפאָרן מיטן באַן", לייענט די באָבע,
געפאָרן זיינען זיי אין גוב ערניע זיך שמד'ן . . .
און אַז גינזבורגן, האָט מען פאַר אַ באַראָן געמאַכט . . .
אפשר דורך אים, אַ ישועה פאַר יידן? . . .

זיצן שוין אַלע אינאיינעם און ריידן,
דערציילט זיי דער זיידע פון די ווייטע מקומות,
פון בראָד, פון ווין, און פון לעמבערג . . .
פון זיין גרויסן יחוס,
פון ר׳ לייבעלע מימעלעס . . .
— עפּעס אַ קליינִיקייט, ר׳ לייבעלע מימעלעס? . . .
דער גרויסער מכנים-אורח!
דער לעמבערגער זיידע . . .
און וואָס מיינט איר, ווער איז געווען דער לובלינער
צדיק זצ״ל? עפּעס אַ פרעמדער?
— איי-איי-איי, וואָס ווייסט איר יידן,
וואָס ווייסט איר וועגן זיין גרויסקייט? . . .
ער אַליין ווייסט דאָס פון זיכערע פלעצער,
אַז דער גרויסער אַדון אַליין, איז צו אים אין הויז געקומען,
צו אים טאַקע, צום לובלינער, און עצות געפרעגט . . .
„אַזוי און אַזוי,
און אַזוי און אַזוי . . .״
האָט ר׳ לייבעלע מימעלעס, באַפוילן צום גרויסן צדיק
דעם לובלינער:
„אַזוי דאַרף ער עצה׳ן!״
וואָס מיינט איר, אַזוי טאַקע האָט דער לובלינער
גע׳עצה׳ט, דעם גרויסן אַדון . . .
און אַזוי און אַזוי,
האָט טאַקע דער אַדון געטאָן! . . .
„דערפאַר איר, רבי יצחק,
און איר, רבי הערשל ליטמאַן, נעמט מיין עצה,
אַ רענדל אַרויף אַ רענדל אַראָפּ, און זאָל זיין
שלום, אויף שטייט די וועלט . . .
— הערסטו, יהודית, היים מאַכן וואָרעמער דעם סאַמאָוואַר״.

דעם ערשטן פרייטיק פון חודש תשרי
האָט די באָבע ליכט געבענטשט,
זיבן זילבערנע לייכטער,
זיבן חלב׳נע ליכטלעך,
און מיט אירעביידע הענט, האָט זי איבערן פּנים
אַריבער די ברעגן צוגעדעקט, און לאַנג, לאַנג, לאַנג,

איז זי אַזוי געשטאַנען און עפּעס אין דער שטיל
געמורמעלט . . .
און אין יענער נאַכט איז די באָבע געשטאָרבן! . . .

און גאַנץ קאַשאַוואַטע האָט געטרויערט,
קימפּעטאָרינס האָבן געוויינט;
ווער וועט זיי איינגעבריטע מילך שיקן? . . .
אַ שטאָט מיט אָרעמע יידן,
אָרעמע יידישע טעכטער מיט איינגעפאַלענע זויג־
בריסטן, זיי גיבן ניט קיין מילך, און קויפן איז שווער . . .
גיסן אַלע אָרעמע, ביטערע טרערן . . .
און ווער וועט איצט די שיינע נדבה געבן? . . .

— — — — — — — — — — — — — —

זיצט דער זיידע און וויינט,
וויינט אין דער שטיל;
„אויף די עלטערע יאָרן מיין לעבן אונטערגעבראָכן! . . ."

— — — — — — — — — — — —

שבת־צו־נאַכט, חברה־קדישא שרייען,
ס'שרייט איינער הויך, לייגט איין די וועלט,
ר' לייבוש איז אַ גביר, דאַרף ער געבן געלט! . . .
ווי קען גרשון צאַלי'ס,ריידן שטיל . . .
ער שרייט: ר' לייבוש מוז געבן, און געבן פיל . . .
שרייען אַנדערע, און שרייען פאַרקערט,
וואו האָט מען אַזוינס אין דער וועלט געהערט? . . .
חברה־קדישא, שקצים, ווען זיך צעטיילן מיט געלט;?
שרייען ווייבער און זיי שילטן,
מיר ווייסן אַז ביים לעבן,
האָט יהודית געגעבן,
„עס מעג דער הימל זיך צעשפאַלטן . . .
מיר אליין וועלן זי באַהאַלטן" . . .

— — — — — — — — — — — —

זונטיק גאַנץ פרי, אַלע פענסטער פון דער
גרויסער זאַל זיינען געווען אָפענע,
אַלע טירן זיינען געווען צעשפּרייט,
אַלע צימערן זיינען געווען ליידיקע,
די באבע׳ן האָט מען אויפן בית־עולם
אַוועקגעטראָגן,
אַ קיל ווינטעלע האָט אַריינגעבלאָזן,
. . . טרויעריק און שטיל.
שאַ. שטיל. די באבע וועט האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן!

מיין טאַטע

מיין טאַטן — ווי זאָל איך אים מאָלן?
— אַ הארציקער מענטש פון נאַטור;
אַ שטאָלצער, מיט וועלטלעכער בילדונג,
באַהעפּטיקט, אין יעדער זאַך קלאָר;

אַ הויכער, און שיין אויסגעוואַקסן,
און שטענדיק מיט ציכטיקע קליידער,
מיט „הענטשקעס" אין האַנט, מיט אַ שטעקן,
אויפן פּנים אַ שמייכל כּסדר . . .

גאַנץ אָפט אויך געווען אַ פאַקלערטער;
געלעבט זיך אין אָנפאַנג גאַנץ וואויל . . .
אַ מענטש אַזאַ מילדער, אַ גוטער,
קיין שלעכט וואָרט אַרוים פון זיין מויל!

אין שטעטל געווען דער בעל־עצה,
אַ מענטש פאַר זיין קלוגשאַפט באַקענט;
געווען אויך דער ראש פונם שטעטל,
צו אים זיך מיט אַלעם געווענדט.

געשפּילט גוט קלאַרנעט, אויפן פידל,
אויף אַ פלייט, און אויך אויף דער פּיאַנע;
די כּלי־זמר פון אַרומיקן געגענט
געווען די גוטע ברידער אויך זיינע . . .

געוואוסט אויך ווי בוימער פאַרפלאַנצן,
ווי אַזוי בלומען אין גאָרטן פאַרזעצן;
געלייענט די שרייבער די בעסטע,
געוואוסט וועמען פון זיי ווי צו שעצן!

געלערנט דאָס לעבן פון חיות,
פון גיפטיקע אַלערליי שלאַנגען;
די בילדער פון פושקין און היינען
ביי אים אין זיין צימער געהאַנגען.

געטאָקט האָט ער אויף אַ טאָקארניע
פון געהילצן, די אַלערליי „גאַלקעס״;
פאַר שאַך שפּילן — די פּראָסטע סאָלדאַטן,
די מלכים, מיט פערדלעך, און מלכה׳ס.

געווען אַ געהילף ביי די אָרנשטיינ׳ס,
דעם צוקער־פאַבריק מיטגעפירט;
און שפּעטער אויף קיעווער בירזע
דאָרט יאָרן אַרומגעשפּאַצירט! . . .

פאַרקויפט האָט ער וועלדער און דערפער,
געהאַנדלט מיט גראַפן און „קניאַזן״ . . .
געטרוימט ער וועט אַלעמען גוטס טאָן,
זיין שטעטל קאַשאַוואַטע שפּייזן!

גע׳שותּפ׳ט מיט אַלע אַגענטן
פון קיעווער בירזשע דער עיקר,
כמעט שוין געציילט די מיליאָנען,
דערנאָך — אַלץ צעפאַלן אויף שטיקער!

דעם סוף: יאָ, שווער צו דערמאָנען
פון דאַמאָלס די שווערע ירידה;
די יאָרן פון שווערן געראַנגל
— און טעג פאַר אים ביטערע, מידע . . .

מיין טאַטע ז׳געווען אַזאַ גוטער,
זיין גוטשאַפט האָבן אַלע פאַרשטאַנען;
געלעבט אַזאַ לעבן אָן פאַלשקייט,
— ס׳איז ווייניק ווי ער איצט פאַראַנען . . .

אַ קינד האָט ער פּינט געהאַט שטראָפן,
ער פלעגט בלויז נאָר ביישפּילן געבן;
מיט גוטשאַפט פלעגט ער אַלץ אויספירן,
— געליבט יעדער קינד ווי זיין לעבן.

און קינדער, זיי ווערן דאָך עלטער,
מען דאַרף יעדן שיכן און קליידן,
און צאָלן שכר־למוד, זיי לערנען,
געדאַרפט האָט מען תכלית שווין ריידן;

פאַרגעסן די בירזשע און טראַכטן
ביסלעכווייז געלט אָפּצושפּאָרן;
ס'האָט אים די גאַנצע משפחה
גע'עצה'ט, קיין אַמעריקע פאָרן . . .

פאַרקויפן די הויז מיטן גאָרטן,
דעם „סאָד" מיט די בוימער און בלומען;
קיין אַמעריקע פאָרן איצט אַלע,
בפרט נאָך אַ מענטש מיט אַ נאָמען . . .

אַ קליינקייט — משה בן לייבוש,
מיטן ווייב, מיט אַלע צען קינדער —
ניו יאָרק וועט דאָך לויפן אַנטקעגן,
און קאַשאַוואַטער יידן באַזונדער . . .

בפרט נאָך די עטלעכע קרובים,
געוואָרן שוין דאָרט מיליאָנערן . . .
ביי זיי אַרבעטן הונדערטער מענטשן,
מען קאָן אויך אַזעלכער דאָרט ווערן!

— — — — — — — — — — —

אַמעריקע, דאָס לאַנד פון די פרייע,
מיר וועלן שוין אייביק דאָ בלייבן;
ניט גרינג איז פון לעבן דערציילן,
פון שוועריקייט אַלעם באַשרייבן!

קיין מלאכה געקענט האָט ניט קיינער,
— דאָ דאַרף מען בלויז שניידער און „שטעפּער",
דעם טאַטן און עלטערע קינדער
פאַרשטופּט האָט אַ קרוב, אין „שעפּער" . . .

דער קרוב דער רייכער דערקלערט האָט
אַז אַרבעטן האָט דאָ אַ זינען . . .
פאַרגעסן אין אַלץ וואָס געווען איז
און אָנהויבן געלט צו פאַרדינען!

מיר האָבן דעם זינען פאַרשטאַנען,
ניט נויטיק געווען צו דערקלערן;
די קיעווער בירזשע פאַרגעסן
און וואָס גיכער „פאַרגעלטע" דאָ ווערן.

אויף „איסט-בראָדוויי" איינגעבירגערט,
אַ הויז, און מיט אָפענע טירן;
ס'האָט גענומען זיך רוישן און טומלען,
מיט היימישקייט ווידער זיך פירן!

אָן אָפענע טיר פאַר די מאַלער,
פאַר שרייבער און קונסט ליטעראַטן;
די שאַך שפּילער לענצנער און יאַפּע,
געשפּילט שטענדיק שאַך מיטן טאַטן;

ס'איז שוין אַוועק גענוג יאָרן,
אַריבער אַ האַלבער יאָרהונדערט;
דערמאָן איך גאַנץ אָפט יענע סביבה,
— איז לעב איך זי איבער אַצינדערט . . .

1953

שטריכן פון מיין מאַמען

מיין מאַמע געווען איז אַ שיינע,
די שענסטע פון אירע פינף שוועסטער;
איר טאַטע פון שטעטל דער נגיד,
מיין טאַטע — דער איידעם דער בעסטער.

ווי קען איך מיין מאַמען אויסמאָלן,
אין פערזן פּאָעטיש באַשרייבן,
ס'וועט איר נשמה מיט ריינקייט
ביי מיר אין זכרון פאַרבלייבן.

אַ מאַמע מיט צאַרטקייט, מיט גלויבן,
מיט גוטסקייט, וואָס שטענדיק באַשיידן;
ווי אַ צנועה געלעבט האָט איר לעבן,
מיט ליבשאַפט פון אַלעמען ריידן . . .

געהיט די שבתים, יום טובים,
פאַרשטאַנען צו וואָס מענטשן שטרעבן . . .
געוואוסט אַלע דרכים, די וועגן,
דעם טיפערן זין פונם לעבן . . .

געבוירן האָט זי פערצן קינדער,
צען זין, און טעכטער אויך פיר;
דעם צוואַנציקסטן טאָג וואָס אין כסלו,
צינד איך אַ יאָרצייט פאַר איר . . .

זיבן ברידער

פון אַלע זיבן ברידער,
זיינען מיר איצט פיר;
דאָס לעבן — אַ לעגענדע,
געשעעניש אָן שיעור —

אינאיינעם אויסגעוואַקסן,
פון איין טאַטע, מאַמען;
פון איין בוים די צווייגן,
פון איין וואָרצל די שטאַמען . . .

נאָר יעדער באַזונדער,
האָט געגומען זוכן
תכלית פאַר אַ צוקונפט,
מיט גלויבן און בטחון;

געהאָפט האָט שטענדיק הירשל,
ער וועט אַ פרוי געפינען,
קינדערלעך דערציען,
אויך שטענדיק גוט פאַרדינען.

שמואליק פלעגט גאָר טראַכטן,
אַז רייך זיין, וואָלט ער וועלן;
פלעגט זיך פראַנטיש קליידן,
די מיידלעך צו געפעלן . . .

און איך אַליין, דער דריטער,
מוז דאָך זיין באַשיידן . . .
עס וועט דאָך זיין ניט עטיש
פון זיך אַליין צו ריידן? . . .

ישראליק קומט נאָך מיר,
אַ בחור פול מיט לעבן,
אַ וויצלער, און אַ קלוגער,
דער חכם פון אונדז זיבן . . .

יאָסל, שטיל, אַ מילדער,
פיינט געהאַט צו איילן,
צווישן דער משפחה
ליב געהאַט צו פאַרווײלן! . . .

וואלקע, אויסגערעכנט,
שטיל געמאַכט זיך פּלענער;
קאַפּריזנע, איינגעשפּאַרט,
„ניט אויספירן וועט יענער!" . . .

עליק, פול מיט פייער,
שטענדיק רק פאַרפלאַמט;
אַ לעבע־יונג, און פריידיק,
שטענדיק אויפגעראַמט!

מיר אַלע זיבן ברידער,
געהאַט האָבן דריי שוועסטער,
און אַלע צען אינאיינעם,
געוועזן דאָס גליק, דער גרעסטער!

עס האָבן זיבן ברידער,
געשפּאַנט אויף זיבן גאַסן . . .
ווער מיט טריט וואָס רוישן,
און ווער שטיל און געלאַסן;

יעדער מיט זיין פעקל;
יעדער מיט זיין שטרעבן,
און יעדערער באַזונדער
געפירט זיין אייגן לעבן;

און האָט מען זיך באַגעגנט,
האָט מען זיך פאַרשטאַנען . . .
אַז פון די זיבן גאַסן
איין גאַס איז בלויז פאַראַנען . . .

גוטע ברידער, ליבע,
מיט אמתע געפילן,
קיינמאָל אַ ברוגז,
צווישן זיך ניט שפּילן . . .

כאָטש יעדערער באַזונדער,
פלעגט צו עפּעס שטרעבן . . .
דער עפּעס האָט צעטיילט בלויז
דאָס טיף אינטימע לעבן.

געגאַנגען זיבן ברידער,
אין באַזונדערע חדרים;
ס׳האָט יעדערער באַזונדער
געלערנט זיינע ספרים . . .

ס׳האָט יעדער פון זיין ספר
געלערנט און פאַרשטאַנען,
וואו קלוגשאַפט מוז מען זוכן,
וואו חכמה איז פאַראַנען . . .

ס׳האָבן זיבן מוחות
געהאַלטן אין איין קלערן,
קיינמאָל קיינעם ווייטאָן,
נאָר גוט און בעסער ווערן . . .

דעם זין פון מענטשנס לעבן,
האָבן מיר פאַרשטאַנען,
צווישן זיבן ברידער,
איז איינינקייט פאַראַנען.

ביים טאַטן און דער מאַמען,
יעדער קינד אַ פינגער . . .
זיי אַלעמען דערצויגן,
געמאַכט דאָס לעבן גרינגער,

ניט געווען קיין אויסנאַם,
צווישן זין און טעכטער ;
יעדערער גוט־האַרציק,
קיין איינציק קינד אַ שלעכטער . . .

— — — — — — — — —

אַ ראַפינירטער טאַטע,
מיט איידעלע מאַנירן . . .
די מאַמע ווי אַ צנועה
די אמת'קייט פלעגט פירן,

אָפּגעלעבט אַ לעבן,
האָבן זיי ווי טויבן,
געגלויבט זיך אויף נאמנות,
און ערלעך יידיש גלויבן . . .

ניט געוואוסט פון פאַלשקייט,
ניט געוואוסט פון נאַרן ;
שטענדיק מיט אַ שמייכל,
אַ האַרציק וואָרט צושאַרן . . .

ס'האָבן זיבן זונען,
ס'האָבן דריי לבנות ;
געגלויבט ווי טאַטע מאַמע,
יעדן אויף נאמנות . . .

1940

מיין שוועסטער

פון מיינע אַלע שוועסטער,
איז געבליבן בלויז צוויי;
און האַרציק, און ליבלעך,
צו מיר זיינען זיי;

מיין שוועסטערל אָלגאַ,
די יונגסטע, די קלענסטע,
פון אַלע צען קינדער,
— נאָך איצטער די שענסטע . . .

געשפּילט האָט זי קינסטלעריש,
אַלס קינד אויף דער פּיאַנע;
גאַנץ „בראָנקס" איז אונז דעמאָלס,
געווען שטאַרק מקנא . . .

געשפּילט פון בעטהאָווען,
פון ליסט'ן, און באַך'ן;
פון יעדן באַזונדער
מוזיקאַלישע זאַכן . . .

איר טעכניק באַוויזן,
פון קונסט יעדן צייכן;
איר שפּילן אַן אויסנאַם,
צו גרויסקייט דערגרייכן . . .

צו קונסט פון דער מוזיק,
דערהויבן איר שפּילן;
דער אויסדרוק פון שיינקייט,
און טיפסטע געפילן . . .

עס האָבן די פינגער
צעעפנט דעם טויער;
געטראָגן די טענער
צום קינדערשן אויער . . .

געוואקסן איז אַלגאַ,
מיט מוזיק צוזאַמען;
איר צאַרטקייט געטונקט זיך,
אין געטלעכע פלאַמען . . .

איר לעבן פאַרבונדן,
מיט פיאַנע אינאיינעם;
געליבט האָט די קריטיק;
איר איינדרוק דעם שיינעם;

געטרוימט האָבן טאַטעס,
און מאַמעס באַזונדער;
אַז גאָט זאָל זיי בענטשן,
מיט אַזעלכע קינדער . . .

איר שיין זיין, איר קלוג זיין,
מיט צאַרטע געפילן,
און קאָנען, ווי זי קאָן,
די פיאַנע שיין שפּילן . . .

און ניט נאָר דאָס שפּילן,
איר טעכניק, די טענער;
— אין לויף פון דער צייט
אַלץ בעסער, און שענער . . .

צו גרויסע קאָנצערטן,
זיך כמעט צוגעגרייט;
— נאָר פּלוצלונג אַ סוד גאָר
האָבן שכנים פאַרשפּרייט . . .

אז אלגא פארליבט איז,
אין א בחור א שיינעם;
און וועט מער ניט שפּילן,
די פּיאַנע פאַר קיינעם;

ווייל ליבע שטייט העכער
ביי איר שוין פון קונסט . . .
— איז נעם, מיין געליבטער,
מיין ליבע וואָס מאָנסט . . .

— — — — — — — — — — —

דערצויגן צוויי טעכטער,
און האָט אייניקלעך דריי;
און שפּילט זי די פּיאַנע,
איז הערן כדאי.

איר שפּילן פאַרפירט מיך
אָט צו יענעם אַמאָל;
עס לייטערט דאָס לעבן
זיך אויס ווי קרישטאָל . . .

איך הער יענע טענער,
נאָך איצט ווי דורך א וואַנט;
אלע מעלאָדיעס,
זיי זיינען מיר באַקאַנט . . .

שפּיל ליסט׳ן, און בעטהאָווען,
און שאָפּען, און אויך באַך;
די מוזיקער גרויסע,
אויך אַנדערע א סך;

— איז שפּיל, ליבע שוועסטער,
שפּיל אויס יענע טענער . . .
דיין שפּילן איז איצטער
נאָך זיסער, און שענער . . .

ל א ה ׳ ק ע

הערסטו לאה׳קע,
מיין געליבטע,
אונדזער ליבע
האַלט אין בליען;
שיין און גוט איז
ווען מען ליבט זיך,
אייביק זאָל
די ליבע ציען...

הערסטו לאה׳קע,
מיין געליבטע,
אייביק וועט
מיין ליבע בלייבן;
אַלע מיינע
שיינע לידער,
וועל איך נאָר
פאַר דיר איצט שרייבן..

שרייבן וועל איך
נאָר פאַר דיר אַליין,
נאָר פאַר דיר
און ניט פאַר קיינעם;
שרייבן וועל איך
און אַלץ זינגען,
שטענדיק נאָר
מיט דיר אינאיינעם;

ביידע הערצער
וועלן קוועלן,

אייביק, קיינמאָל
זיי צעשיידן;
בלויז פון שיינע
גוטע מידות,
און פון ליבע
וועלן מיר ריידן . . .

כ׳וועל דערציילן
פון מיין קינדהייט,
און פון אַלעם
זיך דערמאָנען,
פונם סאָסנע־
וואַלד דעם גרויסן,
אַ שטאָלצער בוים
איז דאָרט געשטאַנען,

אונטער יענעם
בוים דעם גרויסן,
פלעג איך זיצן
פאַנטאַזירן . . .
כ׳וועל אַמאָל
אַ גרויסער ווערן,
און איך וועל
אַ ליבע פירן.

מירן ריידן
פון דער יוגנט,
דו וועסט מיר
אויך אַלץ דערציילן,
פון דער ליבע
אונדזער שיינער
מיט דער פרייד
זיך ביידע טיילן! . . .

אויף דער עלטער
כ׳וועל דיך צערטלען,

און דיר קוקן
אין די אויגן,
דיך דערמאָנען
ווי אין יוגנט
האָט מיין האַרץ
צו דיר געצויגן! . . .

— — — — — — — — — —

כ'ווייס, ס'איז אמת,
ליבע לאה'קע;
תמיד וועל איך
מיט דיר ריידן,
און דערציילן
ווי איך ליב דיך,
ביז דער טויט
וועט אונדז צעשיידן! . . .

1919

ווער בין איך?

(חשבון הנפש)

כ'האָב קיינמאָל ניט ליב קיין חשבונות,
און האָב פיינט דעם קאָפּ מיינעם ברעכן;
— נישטאָ גאָר קיין מענטש אָן חסרונות,
איז נעם איך, און טו איצט אַ רעכן;

אַט האָב איך געשפּאַנט אינם לעבן,
און געהיט מיינע טריט פון דעם גאַנג;
צו בעסערס, און שענערס, פּלעג שטרעבן,
גערעכט זיין איז געווען מיין פאַרלאַנג;

מיין וואָרט זאָל מען גלויבן, און שעצן,
— מיין „איך" זאָל אויך האָבן אַ ווערט;
נעהיט פון נאַטור די געזעצן,
געלעבט זיך, ווי מיר איז באַשערט . . .

איך האָב ליב אַ מענטשן צו גלויבן,
— דעם אמת האָב שטענדיק געגאַרט;
ווער ס'פלעגט מיך מיט פאַלשקייטן לויבן,
אַזעלכער האָט זיך בלויז גענאַרט . . .

זיך גע'חבר'ט מיט מענטשן פון פרייהייט,
דערקענט האָב איך, ווער ס'איז, ווער . . .
די מענטשן מיט אמת'ער טרייהייט,
אַזעלכע פאַרשטיין איז ניט שווער! . . .

כ'האָב שטענדיק דרך־ארץ פאַר וויסן,
געלערנטע מענטשן, תלמידים;
פון זיי פלעג איך שטענדיק געניסן,
זיי זיינען געווען פון יחידים! . . .

געלערנט פון זיי שײנע װעגן,
און פון ביכער, װאָס גוט איז, און שלעכט;
געװאוסט אויך ביי װעמען צו פרעגן,
װאו דער אמת װעט קריגן גערעכט . . .

איך האָב ליב דעם פּשוט׳ן מענטשן,
אַזעלכע װאָס פעלשן קיין פלענער . . .
— דעם ערלעכן האַלט איך אין בענטשן,
װאָס איינפאַכער, פּשוט׳ער, שענער . . .

געטראָפן שיין־שרייבער, און דיכטער,
מיט דענקער פון גרויסן פאַרנעם;
ליטעראַרישע אמת׳ע ריכטער,
אַזעלכע מיט װעלטלעכן שם . . .

באַקענט זיך מיט מאָלער װאָס מאָלן,
די בילדער פון זיך, און ניט שלעכט;
צו זיך זייער חוב זיי באַצאָלן,
— איז װער זאָגט זיי, צי האָבן זיי רעכט? . . .

װי קען זיך אַ דיכטער באַמאָלן,
די מעלות אַליין זיך באַשטימען? . . .
חסרונות אַ װעג טאָן, אויף שאָלן,
אַליין זיך זיין גרויסקייט באַרימען! . . .

ניט שיין פון אַ דיכטער זיך מאָלן,
און קנייפּן אין אייגענעם בעקל;
שוין בעסער אַ פרעמדן באַצאָלן,
— אום איבערצונעמען זיין פּעקל! . . .

און װעט אים אַ פרעמדער באַפּוצן,
װער װייסט פון דעם טרוימער זיין לעבן;
אים לויבן, װעט זיין אים באַשמוצן,
— ניט לויבן, װעט זיין פאַלש איבערגעבן . . .

ווער בין איך, וואָס דאַרף אַלץ דערקלערן,
און ווען ווער חשבונות גאָר געבן ? . . .
איך וועל קלענער, און גרעסער נישט ווערן,
— אויב עמיצער ווייסט נישט מיין לעבן ;

מיין גרויסקייט ; איז בין איך נישט גרעסער,
פון פשוט'ן מענטשן קיין האָר נישט ;
מיין גוטסקייט ; איז בין איך נישט בעסער,
אין זאַכן, וואָס מען מעג, צי מען טאָר נישט ;

בלויז איין זאַך, אין דעם בין איך זיכער,
איך ווייס, איך וועל קיינעם נישט וויי־טאָן ;
געלערנט פון ספרים און ביכער,
— אויף קיינעם, קיינמאָל קיין געשריי טאָן . . .

מיין זונ׳ס בר מצוה

זונעניו מיינער, ווערסט אַ גרויסער,
לויטן דין אַ ייד ;
וועל איך דיר אַצינד דערציילן,
אינם וואָרט פון ליד ;

ניט קיין עצות כ׳וועל דיר געבן,
ווי אַזוי צו טאָן ;
ועסט אַ וועג אַליין זיך קלייבן,
ווען ער הייבט זיך אָן ;

ס׳זענען וועגן דאָ פאַרשידן,
היט בלויז יעדן שפּאַן ;
זאָלסט דעם זין פון לעבן היטן,
ווי אַ גרויסער מאַן . . .

וועסט אין לעבן אָפט אָנטרעפן,
ווי אין הארבסט אויך טעג ;
ס׳וועט דיר דאַכטן, אַז די וואָלקנס
שטערן דיר דיין וועג ;

ס׳וועט דיר דאַכטן אַז דער הימל,
פאַלט אויף דיר אַרויף . . .
און צעשטערט דיר דיינע טרוימען,
און מאַכט פון אַלץ אַ סוף . . .

ס׳וועט דיר דאַכטן אַז דאָס לעבן,
גרויזאַם איז, און שווער ;
טראָגן אָט דעם יאָך פון לעבן,
קענסטו שוין ניט מער ! . . .

דאַמאַלס, זונעניו, זאַלסטו קעמפן,
זוי אַ גרויסער העלד;
ווי דער פֿויער ביי זיין אַקער,
ערגעץ וואו אין פֿעלד . . .

אין די היצן שטורעמס, קעלטן,
זיים ער אַלץ דאָס ברויט,
קומען אַן די טעג פֿון שניט נאָר,
שוועבט אַוועק די נויט! . . .

ס'ווערן זיינע שפּייכלער פולע,
זעק מיט קאָרן מעל;
און די וואָלקנס, זיי פֿאַרשוועבן,
— ס'ווערט דער הימל העל! . . .

1933

אַנטוישונגען

(מײַן זון ראָבערטן)

מײַנע פֿרײדן,
מײַנע גליקן,
מײַנע יונגע
טעג פֿון לעבן,
אַך, ווי וואָלט איך
דיר זיי קענען
אין די לידער
איבערגעבן!

איבערגעבן
און דערציילן,
אַלע סודות
דיר אַנטפּלעקן —
ס׳וואָלט גענומען
שראַנקן ביכער
אַלעם פֿאַר דיר
אויפֿצודעקן!

זונעניו מײַנער,
ס׳איז ניט מעגלעך,
שווער איז אין
אַ ליד באַשרײַבן;
ס׳וועט פֿון מײַנע
פֿרייד און גליקן
אינעם לידל
ווייניק בלײַבן;

ס׳איז מײַן לעבן,
זונעניו מײַנער,

ווי אַ ספר
שטענדיק אָפן,
ווער עס האָט מיך
אָנגעגעגנט —
מיט אַ שמייכל
מיך געטראָפן.

ס'האָט דאָס לעבן
מיך געלערנט
טרוימען שיינע,
אידעאַלן,
זענען שלעכטע
אָנגעקומען
און גערויבט
פון מיר די קוואַלן . . .

איך פלעג אין יוגנט
יעדן גלויבן,
יעדנס וואָרט
וואָס האָט פאַרשפּראָכן;
איצטער פיל איך
יעדער איינער
האָט זיין וואָרט
צו מיר געבראָכן . . .

ס'איז דאָס לעבן,
זונעניו מיינער,
אין דער יוגנט
שווער באַקלערן,
ווערט מען עלטער,
ערשט דערפילט מען,
אַז מען פירט
אַ קאַמף אַ שווערן . . .

— — — — — — — —

זאָלסט דיין וואָרט
צו קיינעם ברעכן,
אַ שלעכט וואָרט
צו קיינעם זאָגן,
טאָן זאָלסטו
וואָס ווּעסט פאַרשפרעכן,
און אַ האַרץ
אַ גוטס פאַרמאָגן . . .

די בליקן צום הימל

(מיין זון אין דער אַרמיי)

עס קלעמט אַזש פון ווייטיק,
אַ שטומער געשריי;
צו מיר אַזוי טייער
פּאָר אייגענע צוויי;
די ביטערקייט פילט זיך
מיין פרוי, און מיין זון,
ס׳האַרץ רייסט פון ווייטיק,
און קען גאָר ניט טון;
מיר ווילט זיך זיי טרייסטן,
מיט האָפענונג וועקן,
ס׳זאָל זיי די צוקונפט
פון לעבן ניט שרעקן . . .
כ׳קען ניט פאַרטרויען
מיין ביטערן פּיין,
די וועלט דאַרף אַ שיינע
צו זיי שטענדיק זיין,
דאָס לעבן וועט פירן
צום ליכטיקן שליאַך,
וואו ס׳פאַלן די שטראַלן
אַרונטער אין טייך . . .
דאָס לויטערע וואַסער
ס׳רייניקט די זינד;
צוויי ליבע מענטשן,
מיין פרוי און מיין קינד . . .
מיין האַרץ האַלט אין פילן,

פון וועלט איצט דעם פּיין,
דעם צער אונט צאָרן,
דאָס הפקר'דיק זיין! . . .
דאָך קוק איך צום הימל,
און זע דאָרט די זון,
מיט פרייד אַ פרי־מאָרגן,
אַט באַלד קומט ער אָן . . .

1943

מיין מאַמע

נישטאָ שוין, פאַרפאַלן,
צעבראָכן די פידל
פון קינדערשע יאָרן
דאָס מוטערשע לידל,

געשטאָרבן מיין מאַמע
איך האָב זי ניט מיין,
אַזוי ווי די תורה
געווען איז זי ריין.

אַ צערטלעכע מאַמע,
זי האָט מיך דערצויגן,
אַליין פון איר אייגענער
ברוסט מיך געזויגן . . .

אַ טייערע מאַמע,
אַ יידישע מוטער . . .
ס'שטיקן די טרערן,
דאָס האַרץ אַזוי ביטער . . .

געפלאַצט האָט די סטרונע,
און טויב אַלע טענער,
די ליבשאַפט פון מאַמעס
וואָס קאָן זיין נאָך שענער? . . .

— — — — — — — — —

געשטאָרבן מיין מאַמע,
(דעם טויט מוז מען גלויבן).
און שווער איז דאָס וואָרט,
— מיין מאַמע צו רויבן . . .

מיין מאַמעס ירושה

אַלץ וואָס איז מיר געבליבן פון מאַמען
איז איר סידור און איר בילד,
טרערן טרוקענע אויף בלעטלעך,
און דאָס שמייכלען אירס וואָס מילד . . .

קוק איך אויף דעם בילד דער מאַמעס,
פילט זיך עפּעס גרינג און וואויל;
ס׳דאַכט מיר אוים עס רעדט די מאַמע
צאַרטע ווערטער פון איר מויל! . . .

ווען איך קוק אין מאַמעס סידור
מיש איך בלעטלעך און איך קלער,
יעדע תפילה אינם סידור
האָט באַנעצט מיין מאַמעס טרער . . .

דער יאָר־צייט

און קוק איך ביינאַכט אויפן הימל,
הויב איך זיך אָן צו פאַרקלערן,
ווי קינסטלעך עם הענגען דאָרט אויבן
די שיינענדע, ליכטיקע שטערן;

קוקנדיק גלייך אויפן הימל
זע איך ווי שטערן פאַרשוועבן,
מען זאָגט אַז ס'פאַלט ווען אַ שטערן,
— איז לעשט זיך אוים ערגיץ אַ לעבן . . .

ס'איז צוויי מאָל ארונטערגעפאַלן
צוויי שטערן, פון דאָרטן מיט פלאַמען,
— דערפאַר צינד איך כסלו און טבת,
יאָר־צייטן, פאַר טאַטן און מאַמען;

מיין הימל איז בלאַסער געוואָרן
און טונקל די נעכט פון די פלאַמען;
צוויי מאָל אין יאָר, זאָג איך קדיש
נאָך זיי, נאָך מיין טאַטן און מיין מאַמען . . .

בלעטער פון לעבן

בלעטער פון לעבן

כ׳נעם דאָס בוך איצט מישן,
יעדן יאָר אַ בלאַט,
טרוימען און חלומות
די וואָס כ׳האָב געהאַט,

אַלע די חלומות
פון מיין לעבנס שפּאַן,
שיינע טעג פון לעבן,
איר זענט שוין נישט פאַראַן;

איך בין אַלץ פאַר׳חלומט,
און דער זעלבער טרוימער,
ס׳זיינען יענע יאָרן,
שטאַמען ווי פון בוימער . . .

מיש פון בוך די בלעטער,
מיט צאַרטלעכע געפילן,
דער בוך וועט זיך פאַרמאַכן,
אין אַ טאָג אַ שטילן,

וועלן מענטשן ריידן,
אַלץ וואָס איז זיי ליב,
וועגן וואָרט, און טרוימען,
אויף דער גאַס, אין שטוב! . . .

וועט זיי דאָס נישט געפעלן
האָב איך נישט פאַרדינט,
וועלן זיי די טרוימען,
צעוואַרפן אויפן ווינט! . . .

אין גאַנג פון לעבן

מיין גאַנג אינם לעבן איז שוין אַ באַשטימטער,
פון נאַטור בין איך אַ רווישיקער אין געמיט;
דער וועג צו זיך אַליין איז מיר אַ באַנעמטער,
אָבער ווער קען וויסן, צי אַזוי איז גאָר גוט?!

זיך אַליין קען איך גוט, און אויך מיינע וועגן.
איך ווייס אַז מיין פאַרשטאַנד איז שוין פעסט איינגעשטעלט;
אויף זיך אַליין קען איך דען ווען ס׳איז פרעגן,
ווי אַזוי מיין גאַנג אינם לעבן זיי געפעלט? . . .

אַזוי ווי איך בין, אַזוי וועל איך פאַרבלייבן.
אַ טרוימער אַזוינער פאַרבלייב איך סיי ווי סיי;
אַן אַנדער וועג איצט איז שפּעט שוין אויסצוקלייבן;
ווי קען איך נאָר איצטער אַנהויבן אויף דאָס ניי?

קיין פריינט האָט אין מיר קיין האָפענונג ניט פאַרלאָרן,
ווייל איך גלויב אין מענטשן און אין מענטשלעכן זיין;
ווען איך זאָל ווידער אויף דאָס ניי איצט זיין געבוירן,
— וואָלט איך געווים צוריק אין גוף צו זיך אריין . . .

אַ דיכטער בין איך, וואָס ווייַן ניט מיט פאַלשע טרערן;
איך זינג בלויז מיינע לידער אַרונטער אויף פּאַפּיר . . .
און אויב איך שטרעב אַ געדאַנק בלויז צו דערקלערן,
— איז מער ניט ווי אַנווייזן, אַז עפּעס נאַגט אין מיר . . .

גאַנץ אָפט ווערט מיין האַרץ פון טרוימען ווי דערהויבן;
איך דערפיל יענעמס ווייטיק, יענעמס שטאַרקן וויי;
און ווען איך זע ווי איינער איז גרייט דעם אַנדערן באַרויבן
פיל איך דעם ניט־אויסגעשריגענעם געשריי.

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיינע פינף און זעכציק וואָס איך האָב שוין געלעבט,
האָב איך געזען די יוגנט מיינע פאַרשוועבן;
איך האָב אין חלומות מיין צוקונפט געוועבט,
— איז וואָס איז מיר פון דעם אַלעמען געבליבן?!

מיר איז געבליבן פונם לעבן דער טרוים
פון וועלטן שיינע, און פון העכערע ספערן . . .
די וועלט איז אַ וואַלד, איך בין בלויז אַ בוים,
און אַ בוים מוז דאָך צו אַ וואַלד בלויז געהערן . . .

ביי מיר זיינען חלומות שענער ווי וואָר,
כאָטש איך האָב דאָס ערנסטע לעבן פאַרשטאַנען;
ווייל אַלץ אַרום מיר געווען איז דאָך קלאָר,
אַז אין טרוימען איז דאָך שענערס פאַראַנען...

איצט זיינען די האָר מיינע פון קאָפּ ווי פאַרשנייט,
און שוואַך איז מיין קערפּער, מיד שוין די גלידער;
— דאָך זיינען די טרוימען נאָך ווייטער צעשפּרייט,
און עס זינגט אין מיר אַלץ לירישע לידער...

ביי מיר זיינען מענטשן בלויז צויבערלעך ריין,
צו מיר זיינען אויך די פרויען ווי קינדער;
דעם שלעכטן און בייזן קען איך אויך גוט פאַרשטיין;
ער בלאָנדזשעט אַרום אָף דער וועלט ווי אַ בלינדער.

צום שלעכטן און בייזן, די וועלט איז דאָך ניט קלאָר,
כאָטש ס'איז דאָך נישטאָ קיין מלאכים מיט קיין פליגל;
ווייל דער וואָס ער האָט ניט פון געפיל קיין שום שפור,
— אַזעלכער זעט זיך אַליין בלויז אין שפּיגל.

אפילו דעם שלעכטן מענטשן האָב איך ניט פיינט,
אויף אַזעלכן איז בלויז אַ רחמנות;
פאַר אים פונם הימל די זון קיינמאָל שיינט,
ווייל ער פילט ניט קיין שלעכטע כוונות . . .

* * *

דערפאַר איז מיר גרינגער פון לעבן די לאַסט
ווייל פון שלעכטע כוונות בין איך אָפּגעזונדערט
כ'האָב קיינמאָל אין לעבן קיינעם ניט נעהאַסט
און ניט האַסן, ווען איך זאָל לעבן ביז הונדערט . . .

1940

אללול׳די׳ע טעג

אויב עס טוען באנג די פארגאנגענע טעג,
איז ווייל זיי זיינען געווען די שענסטע;
דערמאָנען מיר מענטשן און זאכן אמאָל,
טראַכטן מיר אָן יענע טעג די געבענטשטע;

ס׳איז דאכט זיך ערשט נעכטן, דאָך איז דאָס שוין לאַנג,
ס׳איז עטלעכע צענדליקער יאָרן;
דערמאָן איך ניו־יאָרק, פון יענעם אמאָל,
איז אַזוי ווי איך בין נאָר וואָס געבוירן . . .

מיט רוישיקע טריט, אי יונג, אי נאַאיוו,
אַ לעבן פון טרוימען, אָן זאָרגן;
געלעבט האָבן אַלע, טאַקע בלויז מיטן היינט,
און וויייניק געזאָרגט זיך פאַר מאָרגן . . .

ס׳קוקן מיר אוים אַט יענע־אַ טעג,
ווי שוואַלבן אויף פליגל געטראָגן,
דאָס שיינקייט פון לעבן און טיפער פארלאַנג —
דער וועלט בלויז דעם אמת צו זאָגן! . . .

מיט אויגן פון יוגנט, געזען אַלצדינג,
דעם צוזאָג פון מענטשן פלעג גלויבן;
געווען איז די וועלט צו מיר אַזוי שיין,
און מענטשן, ווי ווייסינקע טויבן . . .

נאָר ווערנדיק עלטער, אין לויף פון דער צייט,
גענומען פון לעבן דערפאַרן . . .
באַנומען האָב איך פון לעבן דעם סוד,
אַז מענטשן האָבן ליב אָפט צו נאַרן . . .

איר ווייסט דאָך דאָס לעבן, גייט זיך דעם גאַנג,
און יונג בין איך דאָך ניט פאַרבליבן . . .
און אַלעם איז ניט אַזוי צאַרט, אַזוי ריין,
ווי מיט פערזן אַ ליד ווערט געשריבן . . .

און פונקט ווי אַ קינד, וואָלט איך נאָך אַצינד,
געלאַכט און געטאַנצט מיטן גלויבן —
דער איצטער דערלאָזט ניט, ס'איז אַנדערע טעג,
און שווער איז פון צווייפל זיך הויבן! . . .

אַזוי איז דער גאַנג — איז שפּאָן איך אויך מיט,
אין רייען מיט מענטשן אינאיינעם;
געדעכט זיין איז שיין, גערעכט זיין איז גוט,
איך זוך ניט דעם אמת ביי קיינעם . . .

ביי מיר זיינען טרוימען, פונקט ווי אַמאָל,
איך בייט ניט די טרוימען אויף קלערן;
ס'לויפן די יאָרן מיט אימפּעט אַוועק,
און אינגער וועל איך שוין ניט ווערן! . . .

קלער איך פון יענע וואָס זיינען אַוועק,
אויף אַנדערע שליאַכן, און פירן . . .
דערצייל איך אַ מעשה, וואָס איז שוין געווען,
ניט זאַכן וואָס קאָנען פּאַסירן! . . .

מיש איך זכרונות פון יענעם אַמאָל . . .
דאָס בוך פון מיין לעבן איך בלעטער;
אַ טאַטע, אַ מאַמע, און מיר קינדער צען,
דורך אַלערליי ציימן איך קלעטער . . .

אַן אייגענע סביבה, מיט ליבע געפיל,
ס'דאַכט זיך געווען איז דאָס נעכטן;
איך זאָג אויבעט קדיש, צוויי מאָל אַ יאָר,
— זכרונות דורך יאָרן פאַרפלעכטן . . .

מיין טאטנ׳ס ירושה, אויף צען דאָס צעטיילט,
ס׳איז יעדן געבליבן אַ ברעקל . . .
זיין גוטע נשמה, זיין צערטלעכע הארץ,
מיט יידישן גלות אין זעקל ! . . .

— — — — — — — — — — — — —

בענק איך צוריק נאָך ניו יאָרק, גאָר אָפּט,
איז בענק איך נאָך גאַסן און שטיבער ;
ווייל זאַכן וואָס ווערן שוין אַלט, און פאַרגעלט . . .
זיי ווערן אויך טייערער, ליבער . . .

מיין שטעטל קאשאוואטע

א שטעטל א קלייניקס, קבצנים אַ סך,
הילצערנע הייזער, מיט שטרוי יעדער דאַך,

די גרויס פונם שטעטל, פונקט ווי אַ ראָד;
אַ שול, אַ בית־מדרש, להבדיל אַ באָד.

אינמיטן דעם שטעטל, קראָמען בלויז צוויי;
אַ שניט־קראָם, אַ יאַטקע און פיש אַלערליי;

דאָס קלייניקע שטעטל, האָט ציגן אַ סך,
ארונטער דעם באַרג דאָרט, אַ בלאָטיקער טייך . . .

אַן אַלטער בית עולם, מען טרעט אויף די קברים,
אַ סמן אַ גוטער, דאָס שטעטל איז אָרעם.

דאָס גליק — זומער, דאָרט שיינט כאָטש די זון,
קלייבן דאָרט חיות, — קבצנים דערפון . . .

נאָר קומט אָן דער ווינטער, די שרעקלעכע קעלט,
טויט איז דאָס שטעטל; אַ טויטע וועלט . . .

— — — — —

דאָס דאָזיקע שטעטל, אַ נאָמען עס האָט,
קאשאוואטע הייסט דאָס, מיין ליבינקער גאָט!!!

חנוכה

שווער צו פֿאַרגעסן
אַמאָליקע צייטן,
עס טומט אָפּט
ביים האַרצן אַ קאָך,
אַט דאָרטן אין דר׳היים
די גאַנצע משפּחה,
די פריילעכע
חנוכה־וואָך;

דער זיידע, דער אַלטער,
שטאָלץ ווי אַ קעניג,
גיסט אָן זיינע רערן
מיט אויל,
מיר איניקלעך אַלע
מיר שטייען און קוקן
עס פילט זיך אונדז
יום־טוב׳דיק, וואויל;

עס בענטשט אָפּ די חנוכה־
ליכטלעך דער זיידע,
די באבע זי שטייט
און זי קוועלט,
אויך אונדז לעבט זיך פריידיק
איך פיר די קאָמאַנדע,
מיר קערן אַזש איבער די וועלט;

דערציילט אונדז דער זיידע
פון חנוכה־יום־טוב,
דעם מנהג,
מיר זאָלן פאַרשטיין . . .

ס'זיינען מאַקאַבעער
גענוען אַמאָל, קינדער,
ווי העלדיש זיי זיינען געווען;

דערציילט האָט דער זיידע
די נסים די גרויסע,
מיט שיינקייט דערציילט
אַזוי איידל;
— חנוכה, קינדער,
איר דאַרפט זיך פאַרטראַכטן,
די אותיות וואָס מיינען
פון דריידל? . . .

פאַראַן איז אַ נון,
פאַראַן איז אַ גימל,
פאַראַן אויך אַ הא
און אַ שין,
דער ליבינקער זיידע
דערציילט אונדז פון אַלעם,
אפילו דעם זינען דערפון.

טיף אין זכרון
אויף אייביק פאַרבליבן
די פריידיקע חנוכה־וואָך,
דעם זיידנס דערציילן
איז שווער צו פאַרגעסן,
פון קינדהייט
געדענקט זיך אַלץ נאָך! . . .

ערב פסח

ערב פסח אין מיין שטעטל,
ווען די כמארעס זיינען גרויס,
און דער הימל איז פארוואָלקנט,
זעלטן קומט די זון אַרויס . . .

דאָרטן אין א יענעם שטעטל,
— אין א יענעם פינסטער אָרט,
וואו געבוירן, און דערצויגן —
טרוימען, טרוים איך אָפט פון דאָרט ;

פון קאשאוואטע, מיין שטעטל,
פון אַ בלאָטיק, טיפער גאַס,
וואו פארוואָלקנט איז דער הימל,
און ער קוקט אראָפּ מיט כעס . . .

איבער ימים, איבער טייכן,
איבער פעלדער, איבער טאָל ;
וואָלט איך וועלן כאָטש אַ בליק טאָן,
אויפן שטעטל, נאָך אמאָל . . .

דאָרטן אין א יענעם שטעטל,
אין אַ הויז פון ווינקל-גאַס,
אמאָל געוואוינט האָט דאָרט מיין רבי,
אַ ייד אַ למדן, קלאָר אין ש״ס . . .

דאָרטן פון מיין רבי׳נס חדר,
געהערט האָט קולות זיך פון קינדער,
ווען געלערנט האָט דער רבי
די תלמידים, משה׳ס וואונדער ;

אַך, די טרערן פונם רבי'ן,
הייסע טרערן פלעגן זידן . . .
און באַוויינען אויפן גלות,
שווערן גלות פונם יידן . . .

* * *

איבער ימים, איבער טייכן,
איבער פעלדער, איבער טאָל ;
איז פאַרבליבן אין זכרון,
מיר מיין רבי פון אַמאָל ! . . .

1916
פאָרטלאַנד
„יידישער גייסט"

דער שבת-גוי

פון קינדוווייז אָן, געדענקט איך גוט,
מיין קליין אוקראַיניש שטעטל,
דעם שבת-גוי, טראכים, דער נאַר,
זיין דאַשיק מיט זיין היטל;

זיין יידיש ריידן, יעדער גרייז,
זיין מינע אויף דעם פּנים,
די ליולקע זיינע אינם מויל,
געוואוסט די שטאָט-ענינים . . .

געוואוסט ביי וועמען, וואָס מען קאָכט,
ווער ס'האָט ניט וואָס צום עסן,
געוואוסט ביי וועמען צינדן ליכט,
און ניט קומען זיי פאַרלעשן . . .

געוואוסט וואו כשר, און וואו טריף,
און ווער עס טראָגט קיין היטל . . .
געוואוסט וואָס ס'טוט זיך אומעטום,
טראכים דער נאַר פון שטעטל . . .

פלעגט „מודה אני" זאָגן גוט,
און קאָמיש יידיש ריידן,
געווען איז ער אַ גוטער גוי,
זאָל ער האָבן דעם גן-עדן . . .

מיין שפּראַך

מיין שפּראַך, מיין יידיש וואָרט,
פאַר מיר ביסטו אַ גוטע און אַ שיינע,
כאָטש אַנדערע האָבן פון מיר געלאַכט
אַז די ווערטער זיינען פּראָסטע און קליינע . . .

אין יוגנט בין איך פון יענע אַוועק,
ניט געוואָלט זיך אין פרעמדע קליידער קליידן . . .
צו מיר ביסטו געווען אַזוי האַרציק און טייער,
מיין לשון, כ׳פלעג שרייבן, שטענדיק ריידן;

ס׳האָבן חברים כמעט ווי געלאַכט,
געוואָרפן מיט נאַרישע בליקן . . .
און ווי געטאָן האָט מיר מיין האַרץ,
אַז טרערן פלעגן אָפט אין מיר שטיקן . . .

מען האָט מיך אויך שטענדיק כמעט ווי גענאַרט,
באַוויזן איך בין ניט דערפאַרן . . .
מיין יידישן לשון געצערטלט דערפאַר
ניט געלאָזט זיך פון שונאים פאַרנאַרן;

דער נאַרישער ייד וואָס האָט זיך געגרויסט
אַז אַן אַנדערע שפּראַך איז זיין תורה,
און האָט דאָך גראַמאַטיש זיין שפּראַך ווי צעקנייטשט —
עס פלעגט אַזש באַפאַלן אַ מורא;

יידישע שרייבער פון גרויסן פאַרנעם
און דיכטער מיר בעסטע פאַרמאָגן,
און רעד איך מיט חברה פון יענעם אמאָל,
זיי האָבן מיר גאָר ניט צו זאָגן . . .

און זאָלן זיי איצטער אַביסל פאַרשטיין :
מיין יידיש האָט טויזנטער וואונדער . . .
אַ ייד מיט נשמה דאַרף ליבן זיין שפּראַך,
יידיש איז פאַר יידישע קינדער . . .

דערציִיל, פּאָעט

דערצייל, פּאָעט!

(צו ה. לייוויקן, צו זיין ליד „איך ווייס״)

דו ווייסט, דו ווייסט, דו ווייסט!
ניט פאַרזיגל דיינע ליפּן . . .
דערצייל, דערצייל, דערצייל
דעם סוד פון מויל, זאָלסט ניט פאַרקניפּן . . .

אויב דו ווייסט אַ סך, אַ סך;
דערצייל אונדז, דיכטער, שטיל פון אַלעם;
דעם סוד פון תפיסה, און פון שלאָס . . .
ניט באַגראָב אין טויטן טלית . . .

אויב דו ווייסט נאָך עפּעס מער,
דיין בוך פון לעבן זאָל זיין אָפן . . .
דערצייל, דערצייל דיין דיכטערס האַרץ,
וואָס האָט אין לעבן דיר געטראָפן . . .

און אויב אין תפיסה האָבן וועגט
דיין איידעלן גייסט געריסן . . .
דערצייל, דערצייל דיין ביטער האַרץ —
אונדז ווילט זיך שטאַרק פון אַלעם וויסן . . .

גייסטער פון מיין דור

איר יידישע דיכטער,
פון אמאָל און פון היינט ;
איר זיינט ביי מיר שטענדיק
געווען מיינע פריינט ;

איך האָב אייך געלערנט,
און לערן אייך ווידער,
געליבט אייער דיכטונג,
געזונגען די לידער ;

אייך יידישע דיכטער,
פּאָעטן און טרוימער,
וואָס האָבן באַזונגען
די וועלדער און בוימער,

די ימים און טייכן,
די הימלען און שטערן ;
באַזונגען דאָס לעבן
זאָל שענער אונדז ווערן . . .

כ'האָב ליב יענעם דיכטער
וואָס טוט אַזאַ זינג ;
די שפּראַך אַזוי זאַפּטיק,
געלייטערט און גרינג ;

מען פילט פונם יידיש
דעם אמת'ן טעם,
געקליבענע ווערטער,
מיט זיסקייט און גראַם ;

אזעלכע לידער
פאַרגעסן איז שווער,
עס דויערט אויף יאָרן,
און זינגט זיך אַלץ מער;

איר זענט די דיכטער,
פון גאָט דער געשאַנק;
צו אייך גיב איך שטענדיק
מיין לויב, און מיין דאַנק;

איך קען ניט דערליידן,
ס'איז שווער צו פאַרשטיין;
ווען איינער שרייבט יידיש
און ווייסט ניט אַליין;

זיין יידיש אַלט-פרענקיש
און האָט ניט קיין זין;
זיין פערז בלויז ווערטער,
ניט אַהער, ניט אַהין . . .

אַן לייב און אַן לעבן,
אַן בויג, און אַן קלאַנג;
אַן וואָג און אַן מאָס,
אַן מוזיק, אַן געזאַנג;

און שווער צו פאַרטראָגן,
די פאַלשקייט פון טאָן;
ווען שפּראַך איז קיין שפּראַך ניט,
ס'הייבט זיך ניט אָן! . . .

איך האָב ליב דעם שרייבער
און ווער האָט אים פיינט?
די וועלכע מאָלן,
דעם נעכטן, און היינט;

פון אמת'ן לעבן,
און פון יעדן באזונדער;
פון וועלט און פון מענטשן,
פון דר'ערד, אלע וואונדער . . .

וויפיל שיין-שרייבער
איז אין יידיש פאראן?
מען ציילט אויף די פינגער,
אין בוך, אין ראמאן! . . .

אזעלכע שרייבער
פון שיינעם געדאנק;
צוויי דריי אין א דור בלויז,
שיקט גאט זיין געשאנק . . .

א שלום עליכם,
א מענדעלע, פרץ . . .
א פינסקי, א רייזען,
א אש, איז דער תירוץ . . .

א ראזענפעלד, יהואש,
א ביאליק, דער ריז;
האלפערן, רויזענבלאט,
מאני-לייב, ווי ער איז . . .

די שרייבער וואס טויט שוין
און די וועלכע לעבן;
זיי האבן דאך שיינקייט
געגעבן, און געבן . . .

די דראמא, און ליריק,
יעדער גאנג, יעדער טראט;
צו מיר זייער יידיש,
א געשאנק איז פון גאט;

זיי האָבן געשליפן
דאָס וואָרט, אונדזער שפּראַך;
פאַר מיר, און פאַר יעדן,
פאַר אַלעמען גלייך;

די שיינקייט פון יידיש,
געלייטערט דורך קלערן;
באַזייטיקט חסרונות,
ס'זאָל אַלץ שענערער ווערן;

אייך יידישע דיכטער,
פון נעכטן, און היינט;
איר טרוימער, איר זינגער,
איר זיינט מיינע פריינט;

איר האָט מיין נשמה,
מיין גייסט מיר דערהויבן;
מיין גאַנג אינם לעבן,
מיין טרוימען און גלויבן . . .

די באַלאַדע פונם אַלטן דיכטער

(צום אָנדענק פון דיכטער מ. מ. דאליצקי)

די באַלאַדע פונם דיכטער
פון דער אַלטער עפּאָכע,
פון צעדערבוימס צייטן,
און צונזער'שע, „סאָכע".

געווען איז ער אַ דיכטער
— דער יאָדער פון קערל . . .
פלעגט קלייבן די שירים
ווי אמת'ע פּערל!

ס'האָט יעדער אות זיינס
געאָטעמט מיט ברען,
— אַ פלאַמיקער פייער
געווען אין זיין פען.

די דיכטערשע לידער
געווען אויסגעשפּרייט,
מיט אָפענע אָרעמס
געווען איז מען גרייט.

דעם יידישן דיכטער
באַצאָלן זיין לוין,
געפּאַסט ווי צום קעניג
די דיכטערשע קרוין!

פון יידישן לעבן
געשריבן, געמאָלן,
דעם אויסדרוק דורך כבוד,
אים פלעגט מען באַצאָלן . . .

דאָס האָט אים כסדר
געגעבן פיל מוט —
וואָס ער האָט געשאַפן
געווען וואויל און גוט!

זיין דיכטערשער נאָמען
גערימט האָט זיך שיין;
געווען יעדער פערז זיינס
געלייטערט און ריין.

פון ליד יעדע שורה
דערהויבן זיך גרינג;
ס'האָט זיך געבעטן
— זינג, דיכטער, זינג . . .

לאַנג שוין איז יענע
עפּאָכע פאַרגאַן;
וואָס דאַמאָלס געווען
איז מער ניט פאַראַן . . .

ס'איז ערגעץ פאַרשוואונדן
זיין דיכטערשע קייט . . .
נישטאָ יענע לידער
וואָס ער האָט פאַרשפּרייט!

פון הייליקער שפּראַך
צום וואָכיקן גאַנג,
נישטאָ יענע זיסקייט
פון לירישן קלאַנג . . .

זיין קערפּער געבויגן,
און שווער שוין זיין שפּאַן;
פון לירישע לידער —
צום פּראָסטן ראָמאַן . . .

ס׳איז אַרונטערגעפאַלן
פון קאָפּ יענע קרוין . . .*
און קיינער באַצאָלט ניט
דעם דיכטער זיין לוין . . .

———————————————

דער דעמב ליגט צעבראָכן
פון בליציקן ברען . . .
עס ליגט אויך פאַרזשאַווערט
און טרוקן זיין פען.

ס׳איז די עפּאָכע
די אַלטע פאַרגאַן,
דער דיכטער געשטאָרבן
און מער ניט פאַראַן . . .

* י. ל. גארדאן האָט וועגן דאליצקין געשריבן: הא־לך עמי, עלה רש!

שיינק אַ ליד, מיין דיכטער

(צו משה־לייב׳ן)

משה־לייב, נו?!
נעם נאָר אַרונטער די זון צו דער ערד,
און שנייד זי פון הימל מיט דיין דיכטערשער שווערד,
און הענג זי אַרויף אויפן שפּיץ פונם דאַך —
וועט זי שיינען צו אַלעמען גלייך . . .
ס׳וועלן די שטראַלן פון ליכטיקן קלאָר
פאַלן אויף דיר און אויף דיינע האָר.

משה־לייב, נו?!
זינג דיין הארציק ליד, זינג מיט גרויס באַגער,
פון פאַלשן דיכטער מיט זיין פאַלשער טרער,
זינג פון נביא׳ס ליכט, דעם נביא׳ס שיין —
ווי אַזוי אַ דיכטער וואָלט באַדאַרפט צו זיין;
ווייל דו, מיין דיכטער פון מיין צייט,
דיין ליד איז מער ווי ליד באַטייט!

משה־לייב, נו?!
איז שיינק איין ליד, בלויז, אַ משה־לייב׳ישע, נאָך מער;
די קינסטלערישע, די קאָמעדיע פונם בער . . .
מיט אַ זעץ, אַ שטורך, ווי פון שטאָל אַ קלאַנג,
מיט אַן אָפּהילכיקן משה־לייבישן געזאַנג;
שיינק דיין פּאָעטיש, שיינע ליד פון דיין יוגנט־צייט!
כאָטש צו הארבסט איז נאָך ווייט, ווייט . . .

1927

טרוימען

איך בין מיט טרוימען פֿאַרבונדן
אַזוי ווי די סטרונעס צום פֿידל,
איך חלום אוים וועלטן און זאַכן,
און בוי אוים, פֿאַר זיך יעדער לידל;

ס׳זינגט זיך אַרוים פֿונם האַרצן,
אַמאָל אי פֿון פֿרייד, אי פֿון צער,
עס מאָלן זיך בילדער פֿון טרוימען,
געשטראָפט איז אַ דיכטער דערפֿאַר;

אַזוי טרוים איך אוים מיינע לידער,
ס׳שפּילט צו דאָס האַרץ ווי אַ האַרף,
— דאָס לעבן זינגט אַנדערע לידער
און שניידט ווי מיט מעסערס און שאַרף;

ס׳האַרץ ווערט פֿון ווייטיק פֿאַרצווייפֿלט,
איך שלינג איין דעם מענטשלעכן וויי,
— איך מאָל מיינע וועלטן דורך טרוימען,
און בלייב אַ פֿאַרשקלאַפֿטער ביי זיי.

א ו מ ר ו

וועז די אומרו
קומט צוגיין,
ווערט דאָס האַרץ
שווער ווי אַ שטיין,
און צעשפּרייט זיך
אין מיין שוים,
ווערט די קללה —
אומרו — גרויס.

שרייט דער מענטש
פון צער און שרעק:
בייזע אומרו,
גיי אַוועק! . . .
— פון מיין וועזן,
קריך אַרויס,
— ס׳איז די קללה,
אומרו, גרויס! . . .

ס׳טרוקנט מאַרך
פון מענטשן אויס,
— צו דעם אָפּגרונט,
איז דער שטויס,
ווי אַ „פּיאַווקע"
זויגסט דאָס בלוט,
— רויבסט פון מענטשן,
צו זיין מוט . . .

— — — — — —

און די אומרו,
שווייגט ווי טויב,
נעמט פון מענטשן
זיך די רויב,
— אומרו בייזע,
גיי דיר גיי,
— אומרו הערט ניט
דאָס געשריי!

דער שומר

(מיין זון אין מלחמה)

איך קוק און באַטראַכט איצט דאָס לעבן,
ניט אַלץ איז מיר גרינג צו פאַרשטיין,
עס לויפן די טעג מיט די יאָרן,
ווי אין הימל די שטערן פאַרגיין . . .

די אויגן פאַר׳חלומ׳טע קוקן,
און זוכן דאָס ליכט ערגיץ ווייט,
די ליפּן זיי מורמלען אַ תּפילה,
מיט אַ קללה אויף איצטיקער צייט . . .

די שרעקלעכע טעג זיי פאַרצערן,
דאָס לעבן זיך ראַנגלט אין שאָטן,
— און קאָן איצט אַ תּפילה אונדז העלפן?
און ענדערן אַלעם צום גוטן? . . .

איז שטיי איך אינמיטן דעם טומל,
און וואַך אויף די טעג ווי אַ שומר,
איך היט זיי מיט ווייטיק, געפילן,
ווי פויגל די נעסטן אויף בוימער . . .

1943

עכאָס פונם דיכטער

רעדן טעג צום דיכטער מיט ווערטער,
ווערטער פון שלאָפלאָזע, מידע נעכט,
זיי רעדן פון טעג צעגאָסענע, שווערע,
שווער ווי בליי, שעה'ן אומעטיקע,
שעה'ן שווערע, צוגעקאָוועטע ווי מיט קייטן;
אייזערנע, צוגעשמידטע צום מענטשלעבן לייב,
צו יעדער גליד, אַזוי רעדן טעג צום דיכטער;
זיי רעדן ניט פון פאַרגאַנגענע טעג,
נאָר פון טעג וועלכע וועלן אָנקומען און בלייבן . . .

און ווען די שטילע נעכט רעדן צום דיכטער
איז דאָס גאָר אַן אַנדער לשון, אַנדערע ווערטער,
צערטלעכע ווערטער, צייטנווייז אויסגעשמידט
מיט פרייד מיט צער און צאָרן, און מיט אַ
פאַרווייטיקט האַרץ, מיט אַ וויינענדיקער נשמה,
אַ נשמה פון אַ מענטשן, פון אַ דיכטער, וועלכער
בענקט און טרוימט און חלומט, פון אַ זוניק לעבן,
אַ לעבן פול מיט ליכטיקייט, מיט שטראַלן,
מיט גליק פאַרן מענטשן; ניט פאַר אייגענעם גליק,
אייגענער פרייד, נאָר פאַר אַלעמענס פרייד,
פאַר אַלעמען געזאַנג, און איינגעטיילטן גליק . . .

אָט אַזוי רעדן טעג, אָט אַזוי רעדן נעכט
צום דיכטער, מיט ווערטער
פון אַנדערע ווייטע וועלטן, געשטאַלטן,
ריינערע זויבערע מענטשן, דורכגעלייטערטע
און דיכטערישע . . .
מענטשן — עפּעס אַזוינע נאָענטע, עס ווילט זיך זיי
אַרומנעמען, זיי דריקן, ווייל זיי זענען אינסטינקטיוו

נאָענט נים קיין פרעמדע . . . עפּעס ווי אייגענע, און
מיט תפילות'דיקע ווערטער ווילט זיך זיי בענטשן
בענטשן אין זיי דעם נאָמען „מענטש";
דער נאָמען וועלכער איז צאַרטער פון אַלע צערטלעכקייטן
פון דער גרויסער וואונדערלעכער וועלט.

אַט אַזוי רעדן טעג צום דיכטער מיט אַזעלכע
שיינע ווערטער, און נאָר אַפּט פאַרוואַנדלען זיך
טעג אויך אין טונקעלע נעכט, זיי בלאָנדזשען אַרום
צווישן פרייד און צער, צווישן וויינען און לאַכן . . .
זינגען די טעג, וויינען די נעכט, קרעכצן די שעה'ן,
טאַנצן די מינוטן, אַן אויסמיש פון קאַלטע
און וואַרעמע מענטשלעכע ליידן . . .

צייטנווייז שרייען אַרויס פון אינזיך עכאָס
פון דיכטער; מענטש! מענטש! צעעפן דיינע אויגן
און קוק! קוק אַרויף צו די הימלען, צו די הויכע
געשטאַלטן, צו די גן־עדן'שע בלויע הימלען,
און זע ווייסע טעג פון האַפענונג!
אַזוי רעדן רייד, עכאָס פון דיכטער — צום דיכטער . . .

אַן ענטפער צו אַ דיכטער

(אויף זיין פאַרבלאָנדזשעטן בריוו פון יוני 9טן, 1929)

דו פרעגסט, וואָס מאַכט אַ חבר דיינער?
ווי עס גייט אים? וואָס ער טוט?
כ'וועל דערקלערן, ליבער מיינער,
און פאַרשטיין זאָלסטו דאָס גוט . . .

פאַרשטיין דאַרף מען, ניט בלויז ציטערן . . .
דער ענטפער זאָל זיין ציכטיק, ריין;
דעם עצם מוזטו גלייך דערשפּירן,
ס'וועט אַלעם בלייבן ווי געווען . . .

דו זאָגסט — טעג לויפן, אַזוי אויך יאָרן,
איז דאַכט זיך גוט, מען ווערט קליגער . . .
געווים טוט באַנג וואָס ווערט פאַרלאָרן —
דער טויט איז שטענדיק דער באַזיגער . . .

פאַראַן מענטשן, זיי רעדן רכילות,
שרייבן ליגן, און בלייבן צום נאַר . . .
זיי ווילן נאָכמאַכן דעם נביא „קוהלת",
קען איך זיך ניט צוגלייכן צו זיי דערפאַר!

דער אמת איז פויל און פול מיט ליגן,
נאַאיוו פאַלט מען אויך אין גרוב אַריין;
גאַנץ אָפט קוקט אַלעם אוים ווי באַשפּיגן —
און מען מיינט אַז אַזוי דאַרף דאָס לעבן זיין!

דיין ליד און דיין בריוו האָט מיך געהיצט —
אַזוי מוזן שרייבן היינטיקע פּאָעטן?
אויב אַלטע דיכטער האָבן טאַקע געשוויצט,
האָבן זיי אונדזערע נשמות געהאַלטן אין גלעטן . . .

איך באַנעם, איר זענט ערגיץ פאַרקראָכן,
איר מאַכט צונישט אויך יענעמס געדאַנקען,
איר זענט קלוג דערמיט ווייל איר האָט צעבראָכן
דעם אַלטן דיכטער'ס, פון גאָט די געשאַנקען . . .

ווער לייקנט דיין יידישע דיכטונג ?
ווייסטו אַז טראַכטן איז צייטנווייז ליגן ?
האָסטו דען געשאַפן דיין אייגענע ריכטונג
ווען דו האָסט אויף אַנדערע פונקט ווי געשפּיגן ?!

מיט שכל, קען קיינער מיט קיינעם טיילן,
און קלוגשאַפט, ווער האָט ביי ווער געמען גענומען ?
גלויב איך, אַז אַ דיכטער קען קלוגשאַפט ניט היילן —
ס'איז בעסער ווען ער וואָלט פאַר זיך דאָס גענומען . . .

דו, דיכטער, האָסט אַ מענטשעלע פון ליים געקנאָטן,
און מענטשן מיט שמאַטעס באַהאַנגען ;
נו, געוויס איז דאָס שיין און געראָטן,
און עס קען זיין געזאַנג פון אַלע געזאַנגען !

איז ראָזענפעלדס יאָרן גאָרניט מיט גאָרניט ?
דערפאַר טוט דיר דיין האַרץ אויף אים ווי ?
אָבער דיין גרויסקייט האָט אפילו קיין האָר ניט
דיך געשראָקן, לויט איך איצט פאַרשטיי . . .

אָט לאַכסטו פון זיין ירידה, פון זיין זיצן,
און אויך אָפט אַ לאַך פון זיין דיכטער-מאַכט . . .
ווייל זיין ירידה איז געקומען מיט בליצן —
און זיין טאָג איז פאַרגאַן אין טונקעלער נאַכט . . .

אויב דו האָסט פאַרשטאַנען, ראָזענפעלדס שטעקן,
וואָס האָט געהאַלטן זיין גוף אַ לענגערע צייט ;
וואָס האָסטו געפילט ? — מיך פל[illegible]אָס שרעקן . . .
ווייל איך האָב געזען זיין ענד נ[illegible]ט . . .

דו האָסט רעכט, קיין האר איבער קיינעם איז קיינער,
און פּאר כבוד שלאָגט מען זיך ביז בלוט;
און גראַמען שרייבט דאָך איצט יעדער איינער;
אַזוי וואָלט זיין שיין; — איז ווידער ניט גוט...

איך געדענק ווען דו ביסט געווען יונג —
דיין דיכטערשער פּנים — איר אַלע אין דרייען,
דו, מאַני־לייב, משה־לייב, ניט געווען אַזוי גרינג
די עלטערע דיכטער אַריבערצושרייען...

איך געדענק ביי שלום'ען אין קאַפע, אייער לאַכן
פון ראָזענפעלדס לידער, אין ענגליש געשריבן;
איך געדענק אייער טרויעריק חוזק מאַכן,
אַ פאַרשעמטן האָט צום שרייבן נאָך מער געטריבן...

און אָפט אויף אייך מיט קללות זיך געזעגענען —
אָך ווי שרעקלעך איך פלעג דאָס באַדויערן...
און ווען איך פלעג אים ערגעץ וואו אָנגעגענען,
פלעגט ער נאָך אַלץ אויף זיין יינגעלע טרויערן...

און וועגן לייוויקס גולם, און משה־לייבס נאַכט,
פלעגט ער זאָגן: וואַרט, וואַרט — איר'ט זען
ווי דער „בוזעם פון ים" האָט פאַר זיי אַ וועג געמאַכט,
און מיט געזאַנג צו דער וועלט דאָס צעטיילן...

וואַרט, איר'ט זען, מען וועט מיך זינגען, זינגען,
און די וועלט וועט זיך מאַכן מיין טרויער...
מען וועט ניט פאַרוואַרפן מיינע נשמה־לידער;
מען וועט פון מיר ניט רעדן מיט חוזק און באַדויער...

מיין דיכטונג איז געלייטערט, נשמה'דיק ריין,
מען וועט זינגען פון אַמאָל, פון פריהיקן לעבן;
און פון מיין עלטער, פאַראַן עפּעס אויך וואָס שיין,
קאַפּיטלעך ירושות, אין ספרים פאַרשריבן...

אַ יידישער דיכטער אין פרעמדע סטעפעס

זינגט, איציק פעפער, פון קרימער „סטעפעס"
און וויל פון געזעמדער מאכן עפעס . . .
זינגט ער לידער פון רויטן באנד,
וואו יידן כאפן זיך צו לאנד;
פון ווילדערניש פארטרייבט דעם האז,
אקערט און זייעט, ס'זאל וואקסן גראז,
ציבעלעס, קארטאפל, כריין אלערליי —
איז ניט צו דעם, אז אך און ווי?
דערצו נאך ברודער א טרעוואגע —
ניטא קיין יום טוב, מאכט ער א „חאגע" . . .
ווייסט; יידן לעבן שוין פון ערד,
פלאדיען שאף, חזירים, פערד,
בהמות, קעלבלעך אן א שיעור.
— מנחם-מענדל וואקסט א גביר
און רייסט פון ספרים אוים די שמות . . .
מנחם-מענדל מעלקט בהמות,
זינגט פון סטעפעס איצט מאטיוון,
פון חזירים עסט ער גריוון —
הכלל, איציק, הימל שפאלט זיך,
דער אלטער בנין, אט — באלד צעפאלט זיך.

— — — — — — — — — —

איציק, שטעל דיין אויער אן
און הער וואס חלוצים קענען טאן:
מיט הערצער פריילעכע, אן שאנד,
בויען איצט א יידיש לאנד,
האקן שטיינער, זעגן ברעטער,
בויען אלץ, ס'זאל זיין פאר שפעטער —
פאר דורות קומענדיקע, נייע,
וואס לעבן, שטרעבן, רק זיין פרייע!

אָ, האַרץ מײנס, האַרץ

(תפילה)

אָ האַרץ מײנס, אָ האַרץ מײנס,
ס׳איז שװער די געפילן,
דאָס בלוט האַלט אין רױשן
שװער אײנצושטילן . . .

דאָס לעבן װערט שװערער
און אַלץ אַרום זשומעט,
די טעג פול מיט זאָרגן,
די נעכט ברענגען אומעט . . .

אָ האַרץ מײנס, אָ האַרץ מײנס,
ניט װער איצט צעריסן,
איך בעט און טו תפילה —
זאָל בלוט זיך ניט גיסן! . . .

גאָט, הײב אױף דעם פאַרהאַנג
דעם שװערן, דעם שװאַרצן;
ברענג ליכט צו די אױגן,
און גרינגקײט צום האַרצן! . . .

אָקטאָבער, 1942

אַ פרייער מענטש

איך בין אַ פרייער מענטש,
ווי אַ פויגל פריי, אין די וועלדער,
איך הוליע מיט מיינע געפילן,
ווי שטורעם־ווינטן, אין פעלדער;

איך לאַך, איך בין פריי און פריילעך,
איך דאַרף בלויז שפּייז צום עסן,
און אויב איך האָב ניט, זינג איך אַלץ,
כדי אין הונגער צו פאַרגעסן! . . .

איך זינג, שאַר אַף דעם טרויער,
אַ מענטש מוז זינגען, לאַכן,
ניט טראַכטן וואָס ס׳וועט שפּעטער זיין,
ס׳וועט ניט גרינגער מאַכן! . . .

איך בין אַ פרייער מענטש,
ווי אַ פויגל פריי אין די פעלדער,
איך הוליע מיט מיינע געפילן,
ווי שטורעם־ווינטן אין וועלדער.

דער ליגן

זיי טראָגן בלויז מאַסקעס,
און זיינען פאַרשטעלטע,
דאָס טראַכטן איז ניט ווי זיי פילן;
זיי ווייסן דעם אמת,
דאָך זאָגן זיי ליגן,
און טוען אַלץ קעגן דעם ווילן;

זיי ריידן פון שיינקייט,
פון מענטשנס געוויסן,
— און טוען אַלץ דאָס פאַרוווערטע;
זיי ווייסן דעם אמת,
דאָך זאָגן זיי ליגן,
און לויבן אַלץ בלויז דאָס פאַרקערטע;

מיר זוכן, און לערנען,
דאָס לעבן באַשיינען,
די וועלט זאָל אונדז בעסער געפעלן;
זיי ווייסן דעם אמת,
דאָך זאָגן זיי ליגן,
אַז יושר, וועט קיינער ניט וועלן;

זיי ווייזן די קליגשאַפט,
ווי גרויסע נאַראָנים,
אַלץ ווייט זייער ליגן פאַרדרייטן . . .
— זיי ווייסן דעם אמת,
דאָך זאָגן זיי ליגן,
ווען מענטש וויל דעם אמת פאַרשפרייטן.

צו אַ דיכטער פריינט

(אַ מתנה צו מיין ליבן אברהם רייזענען
צו זיין זיבעציקסטן געבוירן־טאָג)

צו דיר, מיין יידישער דיכטער,
דיר שיק איך מיין הארציקן דאַנק;
די לידער וואָס דו האָסט געזונגען —
זיי זיינען פון גאָט דער געשאַנק!

עס רוט אויף דיין פנים די שכינה,
דיין דיכטערשער קאָפּ האַרמאָנירט;
נים איינמאָל האָסטו מיך מיט טרוימען,
אין דיין דיכטערשן וואַלד דורכגעפירט . . .

מיין ליד, דיר שיינק איך אַ מתנה,
כאָטש דו שוין מיט לידער ביסט זאַט;
איז דרוק איך דיין האַנט איצט מיט פריינטשאַפט,
וואָס האָסט אין מיר שטענדיק געהאַט.

פאַרשטומט געזאַנג

ס'איז שווער איצט צו זינגען
פון אומעט און נויט;
דאָס ביטערע לעבן
איז ערגער פון טויט —
ווען אָרום און אָרום איז
פינסטער און וויסט:
די איידלסטע מענטשן
מען וואַרפט איצט אויף מיסט . . .

אויף איידעלע מענטשן
מען שפּייט אויף זיי אויס . . .
דער ווייטיק איז שרעקלעך,
די שאַנד אַזוי גרויס;
רחמנות, געשטאָרבן, —
מען הערט קיין געשריי;
ס'איז ביטער דאָס לעבן,
אַ וואונד פול מיט וויי . . .

דער אמת — געשטאָרבן,
גערעכטיקייט — שוואַרץ . . .
די וועלט האָט פאַרדאָרבן
אין מענטשן דאָס האַרץ;
די וועלט איז פאַרביטערט,
און אָרום און אָרום,
אַ פאָלק ווערט צעטראָטן —
דאָך שווייגט מען ווי שטום! . . .

ווער קען איצטער זינגען
פון ווייטיק און פיין?
און שווייגן איז ערגער —
ס'קאָן ערגער ניט זיין . . .
פאַרשטומט איז דער ריטם
פון איצטיקן ליד;
דער גלות אַ שווערער —
פון לעבן שוין מיד!

1940

ד י י ן ג אָ ט

(מיין פריינט פּ. ריסקין)

דו האָסט אַזויפיל לידער שוין געזונגען,
מער ווי שטרוי אין גראָבסטן סנאָפּ ;
דו האָסט דיכטער דורכגעלייענט,
מער ווי האָר אויף דיין קאָפּ ;

דו האָסט חלומות אויסגע'חלומט,
— נים געטראַכט פון זיי מיט שפּאָט . . .
אַ סך געטער אויך צעבראָכן,
געבליבן איז דיר בלויז איין גאָט ;

אַ גאָט פון אייביקייט מיט גוטשאפט,
פול מיט מענטשלעכקייט און טרוים ;
— צו דיין גאָט ביסטו פאַרבונדן,
ווי זיסע פּירות אויף אַ בוים . . .

אַלעס אָטעמט

אַלעס אָטעמט,
אַלעס לעבט,
אַלץ וואָס פאַר
די אויגן שוועבט ;
וואָס מיר זעען
דאָ צי דאָרט,
אומעטום,
אויף יעדן אָרט.

וועלדער לעבן,
באַרג און שטיין,
יעדער זאַך
וואָס מיר נאָר זען ;
ס׳לעבן צווייגן,
ס׳לעבט דער בוים —
ס׳איז קיין חלום,
ס׳איז קיין טרוים . . .

ס׳לעבט אויך אייזן,
בליי און שטאָל,
ווי די וואַסערן
אין דעם טאָל ;
ס׳אָטעמט היץ,
ס׳אָטעמט קעלט,
אַלעס אָטעמט
אין דער וועלט !

אַלעס אָטעמט,
אַלעס לעבט,

אַלץ וואָס פֿאַר
די אויגן שוועבט;
יעדער שטראַל
פֿון ליכט באַטראַכט —
ס'אַטעמט טאָג,
ס'אַטעמט נאַכט.

ס'לעבט אַ יעדער
זאַך וואָס בליט,
ס'לעבן סמנים
אויך פֿון טריט,
ס'אַטעמט אויך
מיין העמד פֿון לייב,
ס'אַטעמט אַלעם
וואָס איך שרייב . . .

די לאַסט פונם דיכטער

עס פלאַטערן ווערטער
ביים דיכטער פון מויל,
ווי ביי אַ שכור
די פּיס זיינע מידע;
עס טומלט אַרום איס,
ער קאָן ניט פאַרשטיין,
ס'איז אַ בייזע און
וויסטע ירידה.

די וועלט איז פאַרצאַרנט,
דאָס לעבן איז שווער,
דער לאַסט פונם דיכטער
מיט גרויס צאָרן;
ער בענטשט ניט,
ער שילט ניט,
ער לאָזט אָפּט אַ טרער,
פאַרצווייפלט די טעג
און די יאָרן.

די הימלען, זיי זענען
פאַרוואָלקנט און גרוי,
די זון ווערט פאַרברענט
ווי אין פלאַמען;
עס פלאַקערן לענדער
און ברענען ווי שטרוי;
מיט זיי אויך
די מענטשן צוזאַמען . . .

ס'איז איצט דעם דיכטערס
נשמה פאַרקלעמט,
פאַרוויטיקט פון צווייפל און חורבן . . .
ער פילט יעדנס ווייטיק
און שטייט ווי פאַרשעמט
פאַר אים איז די וועלט
ווי געשטאָרבן!

1943

אַ דיכטער

איך האָב ניט קיין אויסוואַל,
ניט איך קאָן אַלץ קלייבן; —
עס רופט מיך די מוזע
און וועקט מיך צום שרייבן . . .

צו מיר זענען לידער
דאָס גליקלעכסטע וועזן;
איך האָב זיי ליב זינגען, —
און אַנדערע לעזן! . . .

איך האָב ניט קיין ברירה,
עס ציט מיך צום שרייבן;
דער אמת איז — כ'האָב מורא
פאָעט צו פאַרבלייבן! . . .

איז רופט מיך ניט דיכטער
און רופט מיך ניט זינגער;
איך שאַף מיינע לידער —
מיין לאַסט זאָל זיין גרינגער! . . .

אַט אַזוי זינג איך

(ליד)

זינג איך מיר מיין ליד אַזוי:
אין דיין יונגנט וועלטן בוי
פאַר דער צוקונפט, וואָס וועט זיין,
פאַר דער וועלט פון פרייד און פיין.

קלאָג איך ניט אין ליד דערפאַר
— אויב איך טראָג אין הארצן צער,
כ׳טראָג אויף קיינעם ניט קיין האַס,
בלויז אַ שמייכל צו דער גאַס . . .

שמיד איך לידער מיט געזאַנג
ביז עס קומט אַרוים דער קלאַנג,
ס׳ווילט זיך זינגען אַלץ מיט פרייד,
סיי פון גליק, און סיי פון לייד . . .

שטימונגען

און טראַכט מען פון טעג שוין פאַרלאָפענע,
איז דאַכט זיך, ערשט נעכטן געטראָפענע . . .
פאַרלאָפענע יאָרן, פאַרגאַנגענע,
אַזוי ווי אין שטייג די געפאַנגענע;
און בענקט זיך נאָך צייטן, פאַרשוואונדענע . . .
פון דורות פאַרקניפּטע, פאַרבונדענע . . .
פאַלט אָפּט אַ טרער, אַ ביטערע;
וואָס וועט זיין אין יאָרן די שפּעטערע . . .

אינם דיכטער-לאַנד

איך בין אַ בירגער פון דיכטער־לאַנד
אויפן פּאַרנאַסוס באַרג געבוירן;
איך טראָג קיין צייכן אויפן שטערן,
מיינע האָר פון קאָפּ זענען געשוירן . . .

אין מיין לאַנד איז קיין קעניג נישטאָ,
ס'איז אַ לאַנד אַזאַ פרייע;
אַ יעדער בירגער זינגט געזאַנגען
און עס לעבט זיך גוט, אַ מחיה!

יעדער בירגער טרוימט זיין טרוים —
יעדער טרוים אַ צויבער־גאָרטן;
אין פאַנטאַסטיש דיכטער־לאַנד
וועבט מען טרוימען אַלע סאָרטן! . . .

יעדער בירגער פון מיין לאַנד
וועט דעם אמת ניט פאַרבאָרגן;
לעבט און טרוימט פאַר אַלעמען
פון אַ ליכטיקן פרימאָרגן!

דער רוף פונם נביא

(מוזיק: פאול לעמקאָף)

די וועלט איז גרוים, דער ים איז טיף,
צום הימל שטרעקעם ווייטע;
וואָך אויף אַצינד, מיין יידיש פאָלק,
דיין לאַנד איז אַ באַפרייטע!

דער שופר האָט געבלאָזן שוין
און רופט דיך פונם גלות;
זאָג אָן דיין פאָלק, זיין אַלטע לאַנד
איז זיינס איצט, אוים מיט גלות! . . .

צעשניידן האָט מען דאָס געוואָלט —
פאַר אונדז אַ קליינעם חלק;
דער שניט געוועז וואָלט טיף און גרוים,
אין אַלץ וואָס אונדז איז הייליק . . .

געקומען איז דער גרויסער נס
נאָך צוויי לאַנגע טויזנט יאָרן;
באַפרייט מוז זיין דאָס יידיש פאָלק,
אַ פאָלק ווי ניי געבוירן!

די מערהייט האָט דאָס אויך באַשטימט
אין ניינצן-פערציק-זיבן;
צוריקגעקראָגן אונדזער היים —
אַזוי איז דאָס פאַרבליבן . . .

קלייבט אוים אַצינד די בעסטע זין
פון אַלע גלות-עקן,
און זאָגט זיי: גייט צוריק אַהיים!
צעברעכט דעם וואַנדער-שטעקן!

צערייסט די גלות־טאָרבעס איצט,
איר מענער, קינדער, פרויען!
אונדזער לאַנד וועט ווערן גרויס
מיר שטעלן זיך און בויען!

רייניקן דאָס שטיינער־פעלד
ס׳זאָל וואַקסן ווייץ און קאָרן;
באַווייזן שונאים פון דער וועלט
אונדזער מוט איז ניט פאַרלאָרן . . .

מיט שטאָלץ דערקלערט די גאַנצע וועלט
מיט דעם וואָרט דעם האַרבן,
איר קומט צוריק, צו זיך אַהיים,
צו לעבן — ניט בלויז שטאַרבן;

די וועלט איז גרויס, דיין לאַנד איז קליין,
דיין ערד — געציילטע היילן . . .
מאַך אַלע שכנים דיינע פריינד,
מיט פריינטשאַפט זיך בלויז טיילן;

רוף זשע, נביא, איצט דיין פאָלק
און זאָל ער זינגען לידער;
באַפרייט פון גלות האָט ער זיך,
זיין הייליק לאַנד לעבט ווידער!

די זון גייט אויף ווידער און ווידער

(צום דיכטער ה. ראָזענבלאַט)

איז זאָג איך: צו וואָס גאָר,
דעם וואָלקן פון צאָרן,
וואָס שלעפּסטו דעם טרויער,
דעם לאַסט פון די יאָרן? . . .

וואָס זוכסטו אין נעפּלען,
פאַר'חושך'טע ברעגן? . . .
דאָס מזל צעשפּרייט ליגט
אויף טויזנטער וועגן . . .

וואָס זינגסטו פון אומקום,
פון צער און פון טרערן?
די נאַכט אויפן הימל
האָט טויזנטער שטערן . . .

וואָס פלוכסטו דעם טאָג,
וואָס פאַרשטעלסטו די שטראַלן,
וואָס זוכסטו פלאַנעטן
וואָס צאַנקען און פאַלן? . . .

איז זאָג איך — מאַך אָפן דיין אויג,
און הער דורך דיין אויער,
פאַרשליידער דיין מאַנטל
פון פינסטערן טרויער.

די זון וואָס פאַרגייט —
גייט אויף ווידער און ווידער;
דאָס הארץ דאָס פאַרקלעמטע
האָט לידער, און לידער . . .

1931

זיסע חלומות

(מוזיק: פאָול לעמקאָף)

אָ, זיסע חלומות,
חלומות פון יוגנט,
כ׳האָב אייך כסדר
מיט ליבשאַפט געקליבן,
זייט איר זיך צעפאַלן
ווי פּערל פון שנירל;
פון אַלע חלומות
איז גאָר ניט געבליבן.

אָ, זיסע חלומות,
חלומות פון נעכטן,
וואו זייט איר אַוועק,
וואו זייט איר פאַרשוואונדן?
איך האָב אייך געוועבט
ווי וועבער די פעדים,
און האָב זיך מיט אייך
פאַרקניפּט און פאַרבונדן...

אָ, זיסע חלומות,
איר זייט זיך צעפאַלן
ווי בלעטער פון בוימער
און הארבסטיקע קעלטן,
— ווי זים און ווי טייער
געווען אייך צו טרוימען,
ווען איר האָט געפירט מיך
צו הימלשע וועלטן!

אָ, זיסע חלומות —
איך נעם פון אייך טראַכטן ;
דאָס לעבן ווערט גרינגער
פון אייך איצטער רעדן.
— עס טרייסט די נשמה,
עס גיט מוט צום לעבן,
אָ, שווער איז פון זיסע
חלומות זיך שיידן!

ווען סטרונעס רעדן

גערעדט האָט מישא עלמאַן דורך זיין שפּילן,
דורך האַרציקע טענער און צאַרטע געפילן;

ער האָט ווי פאַר׳כישופט, ער האָט אונדז באַצויבערט,
און אונדז די נשמות געריניקט, געזויבערט;

אַזוי געטלעך געשפּילט האָט ער אויף זיין פידל,
ווי געקליבענע ווערטער, פון דיכטער אַ לידל;

ער האָט אויף זיין פידל געשפּילט און געזונגען,
מיר דאַכט אַז די טענער נאָך איצטער זיי קלינגען;

מיט כישוף די פינגער אויף סטרונעס זיי טאַנצן
ווי ער וואָלט אַליין זיין, פון כישוף איגאַנצן . . .

פאַר׳כישופטע, טרוימערישע, הימלישע קלאַנגען,
דעם מענטשנס נשמות מיט טענער זיי פאַנגען;

די טענער זיי האָבן צו אונדז ווי גערעדט,
די יידישע ליידן מיט צאַרטקייט געגלעט . . .

ער האָט זיי מיט כישוף צעשיקט ערגעץ ווייט,
דעם יידנס יסורים, פון היינטיקער צייט;

עס האָבן די טענער געמאָלן די וועלט . . .
געשילדערט פון תהום, דאָס קול וואָס עס שעלט . . .

עס האָבן די טענער געבויעט אונדז בריקן,
די יידישע ליידן אין גלות דערקוויקן . . .

אַליין איז ער פּאַראָוים, אַרויסגעשפּאַצירט,
און האָט אונדז אין גלויביקע הימלען געפירט . . .

די הימלען די שוואַרצע, מיט פאַרבן געפאַרבט,
ווי אין אָוונט די זון, זי פאַרגייט און זי שטאַרבט.

האָט ער מיט זיין שפּילן די וואָלקנס צעטריבן
און טיף אין די הערצער איז פרייד נאָר געבליבן ;

ער האָט אויך דעם יידישן ווייטיק געפילט
ווען ער האָט די תפילות מיט כישוף געשפּילט . . .

1944

דורות פון צער און צאָרן

דורות פון צער און צאָרן

מיד, צעבראָכן, דערנידעריקט, דערשלאָגן,
זייט טויזנטער יאָרן דער רוקן געבויגן,
געפייניקט פאַר זיין גלויבן, און מיטגעטראָגן
זיין תורה פון קיינעם ניט באַוואויגן;
געשפאַנט מיטן שטעקן אין ביטערן גלות —
מצרים און רוים, פון שפּאַניע דער צוואַנג,
די אויטאָ-דע-פע, מיט אויגן אויסשטעכן,
דער פאַר'עקשנ'טער ייד ז'געגאַנגען זיין גאַנג;

און שפּעטער און ווייטער, די פלאַמיקע צלמים,
די האַלב-ווילדע קריסטן, זיי צווינגען אונדז גלויבן
די לערע פון נוצרי, געצאַפּט פון אונדז דמים . . .
אַ מצווה געווען איז דעם יידן באַרויבן;
און שפּעטער און ווייטער, אין טעג פון די צאַרן,
פאַרשפּאַרט אין די געטאָס פון צאַרישע גזירות,
געוועזן איז אַלץ שווער דעם יידן פאַרנאַרן,
געהיט האָט דער וואַנדערער ייד פון עבירות . . .

דערמאָנט זיך כמעלניצקין, דעם צורר היהודים,
נישטאָ איז גאָר קיינער מיט אים צו פאַרגלייכן,
פּאָבעדאנאסצעוו, צי טרעפּאָוו, געמיינע באַנדיטן,
פּאָגראָמען-מאַכער, יידיש בלוט — טיפע טייכן . . .
און שפּעטער און ווייטער, ס'איז בלויז צו דערמאָנען;
די פּוילישע חיות, אָן שום געוויסן,
גענוג פון דעם מין איז נאָך איצטער פאַראַנען,
פאַראַן גענוג הינט וועלכע האָבן אונדז געביסן . . .

אין זכרון פאַרבליבן, און קאָן ניט פאַרגעסן
דעם סמילער פּאָגראָם, ניט ווייט פון מיין שטעטל;

אַ, ביטערע יאָרן ווען אין נאַסע קעלערס געזעסן,
ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ניט געווען איז קיין מיטל;
און שפּעטער און ווייטער, מיט לויפנדע יאָרן —
קישינעוו, מאָגילאָוו, געווען איז נאָך ערגער . . .
די ווילדע קאַצאַפּעס, מיט מעסער און שפּורן,
געקוילעט, געמאָרדעט, געוואָרגן ווי ווערגער . . .

ס'איז אַ לעגענדע אַז אַ ייד מיט אַ יידן,
זיי רעדן זיך שטענדיק אַראָפּ פונם האַרצן;
געמיינט אַז אין רוסלאַנד איז אמת'ער פרידן,
צום סוף פאַרדעקט איז פרייהייט מיט שוואַרצן . . .
געשטופּט האָט מען יידן אַרויס צו די פעלדער,
פריער קרימייע, דערנאָך בירא־בידזשאַן . . .
פאַר פרייהייט צו קעמפן, זענען יידן די העלדן,
— ווער זאָגט אַז פאַר זיי איז איצט פרייהייט פאַראַן?

אומגליק מיט אומגליק, און טויט מיט די טויטע,
אַ חלום אַ בייזער און אַלץ איז פאַרוויסט;
דאָס יידישע לעבן, אין גלות געבויטע,
— בלויז אַש פון די אויוונס, און בערגלעך מיט מיסט;
די היטלערס, די גערינגס, די געבעלס — מיט צאָרן
געמאַכט האָבן זיי דאָס, דעם קריסטלעכן פּלאַן
פון זעקס מיליאָנען, איז גאָרניט געוואָרן —
וואָס פריער געווען איז מער ניט פאַראַן!

ווער קען עס אויסמאָלן, באַשרייבן, באַווייזן
ביי אונדז וועלכע לעבן איז אַלעס צעשטערט;
ווי לאַנג קען דער טויט אונדז לעבעדיקע שפּייזן?
זייט די וועלט איז אַ וועלט איז אַזוינס ניט געהערט . . .
די שאַנדע פאַר קריסטן, דער ווייטיק פאַר יידן;
מיר גייען אַצינדערט אַ וויכטיקן גאַנג,
מיר בויען אַ לאַנד איצט, אַן אייגנס, פאַר פרידן,
דער געבוי איז מיט ווייטיק, מיט פרייד און געזאַנג!

מען האַלט אונדז אין שטערן, מיר דאַרפן דאָס וויסן —
אַז שונאים פון יידן פאַראַן אומעטום;

נישטאָ איז ביי זיי גאָר קיין ברעקל געוויסן,
זיי רעדן אויפן וואונק און מאַכן זיך שטום;
מיר דאַרפן פאַר רעכט שוין ווי בעטלער ניט בעטן,
דעם דאָזיקן סוד האָט דערציילט אונדז דער קריסט . . .
מיר זוכן בלויז מיטלען אַליין זיך צו רעטן —
ניט בעטלען ווי בעטלער, אַ, ניין, ס'איז אומזיסט!

מיר האָבן אין גלות דעם סוד שוין דערגאַנגען
פון וועמען דער האַס, צו אונדז, איז געווענדט;
דאָס יידישע לעבן איז אויף אַ האָר לאַנג געהאַנגען,
מיר האָבן אייך, שונאים אין מאַסקעס, דערקענט!
מיר קאָנען ניט פירן אַזאַ פינסטער לעבן,
מיר האָבן געלערנט און געוואָרן געניט . . .
שלום איז פון אייביק דאָס יידישע שטרעבן,
איז זוכן מיר פרידן דורך יעדן געביט . . .

מיר ווילן פאַר קיינעם מער בוקן און קניען,
און לאָזן ווי פריער זיך צאַפּן דאָס בלוט . . .
און זאָל ווער איצט פּרואוון מיט פייער אונדז ברענען,
מיר וועלן ניט אַננעמען אַלעם פאַר גוט . . .
מיר וועלן זיך ווערן מיט אמתע וואָפן
און שפּאַנען ווי זעלנער אין שלאַכט אויפן פעלד;
צווישן אונדז יידן ווערט אחדות געשאַפן,
און יעדער באַזונדער וועט זיין אונדזער העלד!

מיר וועלן ווי שאָף זיך ניט לאָזן מער שלאַכטן —
אַן אויג פאַר אַן אויג, און אַ צאָן פאַר אַ צאָן;
מיר ווילן איר זאָלט אונדז ווי מענטשן באַטראַכטן,
אַ ייד האָט אַ רעכט אויך אויף אַן אייגענער פאָן;
גענוג שוין, פאַרגעסט — איר קענט אונדז ניט שרעקן,
איר האָט שוין געטאָן אַלץ, ס'האָט ניט געטויגט,
די צייט איז געקומען צו ברודערשאַפט וועקן,
זיין אַלע איינאײנעם צו פרידן גענויגט!

פאַרגאַנגענע טעג און פאַרגאַנגענע יאָרן,
מיר מוזן פאַרגעסן דעם ניט לאַנגן אַמאָל . . .

דאָס יידישע פאָלק איז ניי איצט געבוירן,
מיר מוזן זיין שטאַרק ווי אייזן און שטאָל;
און מיר וועלכע וואוינען איצט אויסער ישראל
מוזן אויך צולייגן די הענט און מיט כוח!
מיר זענען אַצינדערט ניי ווי געבוירן,
פרייט זיך דאָס האַרץ, די נשמה, דער מוח!

און שפעטער און ווייטער, ווען אַלץ וועט זיך שטילן,
ווען פרידן וועט הערשן אין אונדזער מדינה,
און ס'וועלן די וועלטלעכע פעלקער מיט ווילן
ניט קוקן אויף אונדז מיט אַמאָליקער קנאה —
דאמאָלסט, אָ, ברידער, וועט זיך אָטעמען פריי;
יעדן באַזונדער וועט זיין ליב און טייער,
וועט שטרעקן צום שלום-עליכם די האַנט,
— פאַרלעשן פון שנאה דאָס פלאַמיקע פייער . . .

קהלת פון נעכטן . . .

ער האָט פון הונגער דעם צונג זיך געביסן,
די קליידער פּאַרפּוילטע פון קערפּער געריסן . . .
געשלונגען דעם שלונג זיין דורשט צו פאַרשטילן,
געפּייניקט, געליטן, דעם טויט צו פאַרהילן —
און ניט צוליב ברויט געוויינט איז זיין לעכצן . . .
און ניט פון די וואונדן זיין זיפצן און קרעכצן —
ס'האָט בלויז זיין נשמה פון ווייטיק און צאָרן
געליטן דעם פּיין און אַנגסט פון די יאָרן . . .
קהלת פון נעכטן איז ערגיץ פאַרשוואונדן.
דער צווייפלער פון היינט שטייט אָפּגעבונדן!

„פרייע אַרבעטער שטימע"
1926

דער צווייפלער

אין דער וויסטעניש, אויף אַן איינזאַמען שטיין,
ביים גאַנג פון אַ קרומען וועג, אין אַ מענטש געזעסן,
מיט אַ שטעקן און אַ זאַק מיט פאַרטריקנט ברויט,
מיט אַ פוילקייט די ברעקלעך געגעסן;

ביים וועג לעבן שטיין, צעטיילן זיך שליאַכן,
סקעלעטן פון מענטשן ליגן אויף די וועגן,
פון גאַטלאָזע מענטשן, פאַרברענט פון דער זון,
פאַרפוילטע, פאַרטריקנטע ביינער דאָרט ליגן . . .

די דאָזיקע ביינער פון מענטשלעכע קעפּ, טרוקענער מאַרך,
פון שטענדיקן זאָרגן און דענקען . . .
און ווער ס'דערגרייכט יענעם איינזאַמען שטיין,
בעט גאָט ער זאָל וואָס גיכער דעם טויט אים שיינקען.

דער וועלכער זיצט לעבן יענעם שטיין, איז זיכער מיטן טויט,
די זון פונם מדבר וועט פאַרברענען . . .
ווייל יענע וואָס צווייפלען אינם הימלשן גאָט,
— און צווייפלער וויל גאָט ניט דערקענען! . . .

געגאַנגען פאַרביי איז אַן אָרעמער בעטלער,
געזוכט זיך אַן אָרט צווישן שטיינער . . .
צו רוען אַ ווײַלע, מיד פונם וועג,
אַ פאַרבלאָנדזשעטער איז ער איצט איינער.

ניט ווייט פונם שטיין, צעלויפן זיך שליאַכן,
פון זאַמדיקע וועגן, זיי ציילט מען בלויז זיבן;
דערזען האָט דער בעטלער אַ מענטשן דאָרט זיצן,
איז ער דאָרט אויך רוען געבליבן . . .

דערהערט האָט דער בעטלער, דער מענטש עפּעס שילט . . .
מיט די נעגל ער רייסט פון מדבר דעם שטיין . . .
— ווער ביסטו, מענטש ! זאָג, פון וואַנען ?
צי האָסטו פאַרבלאָנדזשעט איינער אַליין . . .

זאָג, האָסטו גאָט געשאָלטן ? האָט גאָט דיך געשטראָפט ?
איז דיר גאָט ניט געפעלן ?! . . .
צי האָט דיין געוויסן דיך שרעקלעך געפּלאָגט
אַז דער שטן זאָל דיין וועג דיר פאַרשטעלן ?! . . .

הער : פון דאַנען צעטיילן זיך זאַמדיקע וועגן,
צו די הימלשע געטער און געשטאַלטן ;
צו געטער פון ליבע, פון צער און פון צאָרן,
און דער אמת ליגט ניט באַהאַלטן . . .

צו געטער פון מזל, פון אייביקן שלום,
די דאַזיקע וועגן זיי פירן . . .
בלויז איין וועג פון די זיבן מוזטו קלייבן,
צו די אָפענע געטלעכע טירן ! . . .

דער מענטש האָט געענטפערט : איך בין ניט קיין בעטלער,
כ'האָב רייכטום, איך בין אַן עושר ;
כ'האָב הייליק געהאַלטן פון גאָט די געבאָטן,
דער ערלעכסטער מענטש, פול מיט יושר . . .

וואָס איך האָב געזוכט, האָב איך ניט געפונען,
דאָך אַלעמען האַלט איך אין גלויבן . . .
האָב יעדן באַזונדער געגלויבט אויף נאמנות
— און גאָטס מענטש פלעגט שטענדיק מיך רויבן . . .

מיין הויז מיר צעבראָכן, מען האָט מיך פאַרראַטן,
מיין ריינקייט באַפלעקט און באַשפּיגן . . .
אין מדבר, מיין ליבער, זוך איך איצט גאָט ;
פון אים וויל איך גערעכטיקייט קריגן . . .

מיינע פעלדער מיט קאָרן, די זון האָט פאַרברענט,
אין גערטנער מיר אַלעס פאַרדאַרבן . . .
די דונערן געטויטעט מיינע שאָף אינם פעלד,
מיינע דינער פון הונגער געשטאָרבן! . . .

זאָל גאָטס זון מיך פאַרברענען אַצינדערט,
מיינע ביינער זאָלן טרוקן איצט ווערן,
איך וואַנדער אַרום, איך בין שוין האַלב בלינד,
מיין גלויבן וועט קיינער צעשטערן . . .

אויב מענטש מיט מענטש לעבן אין פאַלשקייט,
וואָס טויגן מיר די מדבר׳שע שליאַכן? . . .
מעג ווערן צעריסן מיין מענטשלעך האַרץ,
מעגן אַנטרינען די ימים און טייכן . . .

און קרעציק מעג ווערן אינגאַנצן מיין לייב,
און פאַרסמ׳ט אין מיר ווערן די געבליטן . . .
פאַר מיר איז אַלץ שוואַרץ אַזוי ווי די נאַכט,
— אויב גאָט וויל מענטשן ניט פאַרהיטן! . . .

— — — — — — — — — — — —

דער מדבר׳שער בעטלער געטראַכט האָט ניט לאַנג,
איז שטורמיש פון מדבר אַנטלאָפן . . .
מיט גאָט האָט ער ווידער שוין שלום געמאַכט,
און דורך תּפילות גענומען אַלץ האָפן . . .

דער גאָטלאָזער מענטש איז געוואָרן פאַרברענט
פון דורשט, און פון זוניקע שטראַלן;
ער האָט ניט מיט גאָט קיין שלום געמאַכט,
— אַ גאָטלאָזער צווייפלער מוז פאַלן . . .

1922

עכאָס פון היטלער־טעג

דיין ווייטיק פיל איך, ברודער מיינער,
כאָטש איך הער ניט דיין געשריי,
דיין שווערער צער, דעם שווערן צאָרן,
אַזוי ווי דיר, טוט דאָס מיר וויי . . .
וואָס קען מיין טרייסט־וואָרט איצטער העלפן,
ווען דער שונא שלאָגט און שילט . . .
דער טאָג איז כמאַרנע, און פאַרוואָלקנט,
די שיינע זון, איז ווי פאַרשטעלט . . .
דעם יידנס ליידן, שווער און גרויזאַם
ס'לעבן איז שווערער פונם טויט,
איז טראָג איך מיט, דיין שווערן גלות,
דיין שווער געמיט, אין טעג פון נויט;
און ווען דער שונא רייסט מיט צוואַנגען,
דיין נשמה אַרויס פון גוף . . .
די עכאָס פון ביטערן קאַמף פאַרן לעבן,
פיל איך מיט, אין דיין ניט־פאַרדינטער שטראָף . . .

און מיט געבעט זאָג איך מיין תפילה,
ס'זאָל זיין אַ טרייסט־וואָרט, דיין גרויסן צער;
ס'וועט אַ שיינער מאָרגן קומען,
און באַלוינען דיך דערפאַר . . .
דאָס בייזע לאַנד וועט זיין גע'משפט,
איר אייגן טויט פאַר יעדער טיר.
איז שיק איך, ברודער, דיר פון וויטנס
אַ ווארעם טרייסט־וואָרט, וואָס גלויבט אין דיר . . .

1940

משומדים

מיר ווייסן: איר פרעגט ניט
ביי קיינעם קיין עצות —
אָרונטערגעשליידערט
דעם יאָך פון די פּלייצעס;
דאָס מזל אַ ייד זיין
אין גלות זיך טרייבן,
פאַר אייך געווען שווער איז
אַ ייד צו פאַרבלייבן . . .

אין קירכע, אין קלויסטער,
דעם שטאָליץ דאָרט פאַרברענט,
אין יידישע בלוט דאָרט
זיך געוואַשן די הענט,
געהוליעט, געפרייט זיך,
מיט באַלדיקן היינט,
באַוויזן די דייטשן
ווי איר האָט אונדז פיינט!

איר העלפט מיט דעם שונא,
ס'זאָל שווערער אונדז זיין:
און דינען אַ גלויבן
וואָס זאַפּט אין זיך איין,
איר שונאים פון יידן,
משומד, און גוי . . .
איר האַלט אונדז אין פּלאָגן
און דריקן אַזוי! . . .

דעם גאָלדענעם צלם —
אים זעט איר אויף פריער,

די קללה צעגיסט זיך
אויף דיר, און אויף מיר . . .
איר מוזט יידן בלייבן
צי ווילט איר, צי ניין!
די היטלערשע לאַטע —
זי פּאַסט פאַר אייך שיין . . .

דער ייד טאָר ניט מישן
מיט נאַצים זיין בלוט . . .
איז שריי איך פון ווייטיק
— משומדים, ס׳איז גוט!
די שטראָף אַ פאַרדינטע,
אייך איצטער פאַרדריסט:
מען וואַרפט אייך אַצינדערט
ווי ווערם אויף מיסט!

— — — — — — — — —

אַנטלאָפן פון זיך בלויז,
פון יידישער הויז . . .
פון אַלץ וואָס ס׳איז יידיש,
אַוועק ווי אַ מויז,
אין קירכעס געלאָפן
אויף קניעס זיך געשטעלט,
פאַרהאַסט איז דאָס שענסטע
וואָס ס׳איז אין דער וועלט . . .

1939

דער קריסטלעכער ייד

(פון אַ בריוו)

איך שרייבט דיר, ברודער, איצט דעם בריוו,
מיין טייערער געשעצטער,
איך האָב אין זיך אַזאַ געפיל,
מיין בריוו וועט זיין דער לעצטער . . .

דו פרעגסט מיר שטענדיק ווי מיר גייט,
מיר, מיין ווייב און קינדער,
דיר ווילט זיך וויסן אַלצדינג
און פון יעדערן באַזונדער . . .

ווי קאָן אַ דייטש, אַ שטיקל ייד . . .
פון זיך אַצינד באַשרייבן?
אַנטפּלעקן, און דערציילן אַלץ,
עס זאָל אַ סוד פאַרבלייבן?

און כאָטש די מורא איז דאָ שטאַרק,
דאָך ווילט זיך שרייבן אָפן . . .
קיין נייעס וועט ניט זיין ביי דיר
וואָס ס'האָט אונדזער לאַנד געטראָפן . . .

דאָ זענען מיר שוין צוגעוואוינט,
נאָר פרעגן זיך די פראַגע:
צי האָט איר דאַרטן אַ באַגריף
ביי אונדז דעם יידנס לאַגע?

געווען איז דייטשלאַנד קלוג און פריי,
איצט די לופט אַ פאַרשטיקטע . . .

און ניט בלויז די יידן זענען דאַ
ביי אונדז איצט אונטערדריקטע;

נאָר שטיקלעך יידן, אַזוי ווי איך,
וואָס איז אַ קריסט דערצויגן;
— איר זענט קיין „אַריער״! — שרייען זיי,
מען דערקענט אונדז אין די אויגן . . .

ס'איז אונדזער זיידע דאָך געווען
אַ ייד, און אַ דייטש — אַ פיינער;
אַ פּאַטריאָט צו דייטשלאַנד,
פּונקט ווי דער פאָטער זיינער . . .

דער אומגליק פון נאָוועמבער טעג —
ווער קען ביי אייך דאָס גלויבן?
געשריבן האָבן צייטונגען
פון בלויזע קראָמען רויבן . . .

פון איינפאַך יידן מאָרדעווען —
ניט געוואָגט דאָס שרייבן;
אַזאַ מין ניים, פאַר אויסלאַנד,
— דאָס מוז אַ סוד פאַרבלייבן . . .

וואָס ווייסטו וואָס זיי טוען דאַ,
די נאַצישע פּאָליציע?
נאָך ערגער ווי אין שפּאַניע
די ערגסטע אינקוויזיציע . . .

געווען אַמאָל דער אומגליק גרויס
ווען מען האָט צום שמד געטריבן,
האָט ייד דעם צלם אָנגעטאָן —
איז ער לעבעדיק פאַרבליבן . . .

נאָר דייטשלאַנד איז ניט שפּאַניע,
דער אומגליק איז דאַ גרעסער:

געטויפט זיין מיט אַ צלמ׳ל —
איז דער טויט פאַר אים שוין בעסער . . .

ס׳איז שווער פאַר מיר דערקלערן אַלץ
וואָס ס׳קומט דאָ פאַר טאָג-טעגליך,
מאָלן דיר די ליידן דאָ,
אָ, ניין — ס׳איז ניט מעגליך!

די ליפּן שטאַרק פאַרזיגלטע
ווייל ס׳וואַכן די געניטע . . .
מען לייגט אויף קיינעם כבוד ניט,
מען זאָגט ניט, „קום, איך ביטטע!״

אין קאָנצענטרירטן לאַגער גלייך —
און דאָרט ערשט לאָזט מען וויסן:
אַ ייד וואָס טראָגט אַ צלמ׳ל,
דאָס בלוט מעג פון אים גיסן . . .

מען טוט אים אויס אַ נאַקעטן,
מען ציט זיין לייב מיט שרויפן . . .
פון פיזיש-ווייטיק גרויזאַמען,
פאַרברענט אויף שייטער-הויפן.

דעם יידנס לעבן איז דאָ שווער,
שווער איז אויך קאַטאָליקן;
ס׳איז היטלערס אַ טראַדיציע —
מען מוז דעם מענטשן שטיקן!

די טעמפּלען זענען צוגעמאַכט,
די קלויסטערס אויך פאַרשלאָסן;
דער צער פון מענטשן איז דאָ גרויס
ווי אַ שווערער בליי צעגאָסן . . .

דער ייד וואָס בלאָנדזשעט אום אין גאַס,
זיין רוקן איז געבויגן,

— דערפיל איך זיין נשמה ווערט,
אין קאלך פלאץ געצויגן . . .

ס׳ווײנט אין מיר מיין הארץ פּאַר אים,
עס ווילט זיך מיר אויסשרייען,
מיין גאַנצן אויסגעשריי פון צער:
קום, מיר מוזן זיך באַפרייען!

די קינדער, זיי איז אַך און ווי,
זיי פרעגן אונדזער פראַגע: —
צי וויסן מענטשן אויף דער וועלט
דעם געטויפטן יידנס לאַגע?

די זין, זיי ציט קיין אויסנלאַנד,
די טעכטער מורמלען שטילע . . .
זיי זוכן אינם ביבל איצט
אַ טרייסט-וואָרט דורך תפילה . . .

צי וועט אַמ די אַ שווערע צייט
פון אונדזער לאַנד פאַרשוועבן,
און גרינגער זיין צום אַטעמען,
אַז ס׳זאָל זיך ווען לעבן?

דריי און צוואַנציק ייִדישע טעכטער

ווען וועט יענער טאָג שוין קומען . . .

אויפן הימל שוואַרצע וואָלקנס
פינצטער און געדיכט;
אונדזער ביטער יידיש לעבן
טראָגט אַ שווערע פליכט.

ווי די וואָלקנס אויפן הימל,
טונקעלע און שוואַרץ,
אָנגעפילט איז אונדזער לעבן,
פול דאָס יידיש האַרץ.

ערגעץ ווייט דאָרט וויינען יידן
אוים אַ גלות-ליד,
און זיי טרוימען פון אַ מאָרגן,
ניט זיין שוין אַזוי מיד . . .

ציכטיק, ריינע טעכטער האָבן
זייערע, דורך נויט,
אויסגעטרונקען פונם בעכער
סם! און זענען טויט . . .

ס'וועט קיין נאַצי זיי ניט שענדן,
וויינט דער דייטשער ייד,
ברידער ערגעץ פון דער ווייטנס
— פאַרבונדענע דורך גליד . . .

אייער פליכט מוז זיין אַצינדערט,
מיטן וואָרט און טאַט . . .

מיטן שווערן יידיש לעבן
זענען מיר שוין זאַט . . .

דריי און נײַנציק יונגע כלות
האָבן זיך צעפלאַמט ;
פונם הימל שוואַרצע וואָלקנס
האָט זיי אויסגע׳סמ׳ט ;

ווען וועט יענער טאָג שוין קומען,
ס׳וועט די זון אַרוים ?
פֿאַר דעם יידנס לעבן שײַנען
ווי די וועלט איז גרוים !

יאַנואַר סטער30, 1943.

איינער געבליבן

(פון אַ בריוו)

די טעג זיי ווערן לויטערער,
און אפשר אויכעט שענער;
איך קוק אַרוים איצט צו דער וועלט;
און גרייט מיך צו מיט פּלענער;

גיי שריי צום הימל, שריי אוים פרייריק,
איך בין איינער איצט געבליבן;
די שטוב צעבראָכן, אינגאַנצן ליידיק . . .
דער ווייטיק קרעכץ, איז דאָך פאַרבליבן;

אויב ס'וועט מיין בריוו דיר דערגרייכן,
זאָל דיין געמיט זיך ניט צעשטערן;
פון גאַנצער שטאָט, נישטאָ קיין צייכן,
— און חרוב קאָן זי מער ניט ווערן . . .

דעם זעלבן צייכן האָב איך געזען,
אין יעדער שטאָט, אין יעדער שטעטל;
אויף די פעלדער ווינטן ווייען,
גאַנץ אָפט אַ צייכן אויף אַ ברעטל . . .

דאָ איז אַמאָל געווען מיין היים,
ס'איז ערגעץ דאָ אַ שטוב געשטאַנען;
איצטער קעלערם בלויז פון ליים,
— קיין לייב און לעבן ניט פאַראַנען . . .

מלחמה; ניין, צו וואָס דערמאָנען,
קיין קברים זיינען ניט פאַראַנען . . .
— די ווערים האָבן ניט צעפרעסן,
ס'איז בעסער, ליבער, אַלץ פאַרגעסן . . .

די קאַלכאוויזונס, מיט פלאַמיקע צונגען,
אַלעם איז דאָרט שטום פאַרבליבן . . .
איז זאָל איך וויינען, צי זאָל איך זינגען . . .
— כ'האָב מיין אומעט שוין פאַרטריבן! . . .

— — — — — — — — — — — —

איך בין איינער איצט געבליבן . . .

1946

געפּילפּולטע מענטשן



"THE SCAPEGOAT" — BY M. ASKENAZY

שעיר לעזאזל

דער שעיר לעזאזל

"THE SCAPEGOAT"

(אויל בילד פון מישא אשכנזי)

ער שטייט אַ פאַרטראַכטער פאַר׳חלומט
זיין טלית און סדור צוזאַמען;
אונטער אים איז צעצונדן דער הימל,
די וועלט איז אין פלאַקער און פלאַמען . . .

אזוי שטייט דער אַלטער און מידער
דער פרומער פאַרוואַגלטער ייד;
די אָפענע אויגן פאַר׳חלומט,
פון טראַגישן לעבן שוין מיד! . . .

פאַר דורות, און טויזנטער יאָרן,
זיין טלית און סדור ביי הארצן;
פאַר וועמען די זון קאָן נאָך שיינען,
פאַר אים איז דער הימל אין שוואַרצן! . . .

מיט גאָט געמאַכט האָט ער שלום,
די תפילות געזאָגט מיט כוונה,
פאַר אים אָט דער צאָרן פון גלות,
איז מער ניט קיין גרויסע סכנה! . . .

1943

דער שווייגער

כ'האָב לאַנג געשוויגן, ניט גערעדט,
געמורמלט בלויז שטיל,
וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס
מיין אינווייניק מענטשלעך געפיל . . .
אין אַזאַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט
שטייט אין פייער אַ צעפלאַמטע,
און אַלע וועגן צו גערעכטיקייט,
זענען פאַרשפאַרטע און פאַרצאַמטע!

כ'האָב געשוויגן; און זיך אַליין
באַדויערט, גלייך מיט אַלעמען,
זיך פאַרבונדן מיט יענע קרבנות,
פאַרברענטע העלדן, געפאַלענע . . .
מיט יעדן טויטן און גע'הרג'עטן
אין די גריבער, אויף די וועגן,
— איז מיט וועמען האָב איך געקענט רעדן
און וועמען האָב איך געקענט פרעגן?

ווי איז צו מיר, צו מיר און צו אַלע
יענע וועלכע קענען שוין ניט שרייען,
האָב איך זיך אַריינגעשטעלט צווישן זיי,
צווישן יענע געפאַלענע, אין די רייען . . .
איז ווי אַזוי האָב איך געקענט וויינען
אויף אונדזער גרויסן ביטערן חורבן,
אַז געווען בין איך ווי יענע העלדן,
טויט, און פונקט ווי געשטאָרבן!

געבענטשט זענען יענע וועלכע האָבן
מוט געהאַט, און גענומען רעדן,
די שונאים געשאָלטן פאַר די מיליאָנען,
וועלכע זענען שוין איצטער אין גן־עדן;
זיי וועלכע האָבן געקענט אַרויסרעדן,
אַרויסוויינען, אויפן קידוש השם;
— און איך האָב מיט מײַנע ווייטיקן געשוויגן
און אין זיך געליטן דעם צער, אָט דעם . . .

און וואָלט איך געווען געקענט רעדן,
— איז ווער וואָלט זיך צוגעהערט צו מיין שטימע?
און ווער וואָלט געוואָלט פילן דעם צער און צאָרן
פון מיין איצטער פאַרטיליקטער אומה?
ניין, ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל העלפן
דעם פיין פון מיין פאָלק, דעם צאָרן פאַרלינדערן;
ווי פאַרמאַכט איז געווען מיין מויל און געשוויגן,
און ניט געקענט זיך פון יענע טויטע אָפּזונדערן . . .

פעלקער האָבן זיך פאַרקוקט, געמאַכט זיך ווי בלינד,
ניט געוואָלט זיך צוקוקן, אונדזער אומגליק זען,
זיך ווי טויב געמאַכט, בלויז געשוויגן;
די יסורים אונדזערע ניט געוואָלט פילן און פאַרשטיין . . .
און געוואוסט האָבן זיי, אַז אונדזער פאָלק טונקט אין בלוטן,
עפּעם האָבן זיי געקענט אונדז אפשר העלפן,
אַ וואָרט זאָגן, און אונדז טרייסטן, ס'זאָל זיין צום גוטן . . .

און ווי איך, אַזוי האָבן זיי שטיל געשוויגן,
פאַרמאַכט זייערע מיילער און געבליבן שטיל,
ווייל הפקר ביי זיי — אָבער ניט ביי מיר
איז געווען דעם יידנס צער מיט געפיל . . .
און איך, אינעווייניק אין מיר האָט מיין האַרץ
געקלאַפּט און געשניטן פון טיפן ווייטיק,
— אָבער פאַר זיי — יידן צו טרייסטן — אַ, דאָס ניט,
ניט געווען פאַר זיי — ווי פאַר מיר אַזוי נייטיק!

דערפאַר ווייטיקט אין מיר מיין האַרץ,
פּונקט ווי אין יעדערן מענטשלעכן יידן,
פאַרביטערט פון אַזאַ לאַנג־יאָריקן גלות,
אַזאַ שווערן, אַזאַ גרויזאַמען, ביטערן און מידן,
זיך אַליין האָב איך ניט געקענט מיט עפּעס טרייסטן,
און ווי אַ שווייגער האָב איך שטענדיק געליטן,
און ווי אַ „גאָטס״־ייד, געהאַפּט, געוואַרט,
אַז אַלץ וועט אויסגיין צום גוטן . . .

איז שטיי איך, דער שווייגער, פאַרטראַכט,
און קוק אַריין אין גאָטס געצעלט,
מיט מיין אַלטן טלית אין האַנט,
מיט דעם פאַרמאַכטן באַטרערטן סידור,
און אונטער מיר ברענט מיט פלאַמיק פייער
די גרויסע און פאַרשאָלטענע יידישע וועלט . . .
וועט זיך דאָס אַש פון די מענטשן פאַרברענטע
אַרום דער גרויסער וועלט, דורך ווינטן צעטראָגן,
— און ווער וועט וועמען צום סוף באַקלאָגן? . . .

וואָס וועלן זיי דערציילן דער וועלט?

מיר וועלכע לעבן אין היינטיקן דור,
וועלן ניט קענען פאַרגעסן וואָס מיט אונדז איז געשען.
כסדר פאַרצאָרנטע טעג נאָר געציילט
אין צווייפל געלעבט, אַף נסים געוואַרט,
איצט שוין אַריבערגעשפּאַנט דעם תהום
אַלץ איז פאַראיבער, שאַ, ווי גאָרניט געווען.

געבליבן אַ טיפער, דער נעכטיקער ווייטיק,
ניט פאַרהיילט איז די אייביקע בראַנדיקע וואונד.
אַ דור וועט דערציילן ניט נאָר פון געלע לאַטעס,
ניט נאָר פון פלאַמיקע פלאַקער־אויוונס,
נאָר פון פאַר׳שרפה׳טע זעקס מיליאָנען קדושים.

און די וואָס וועלן קומען שפּעטער נאָך אונדז,
וועלן מוזן דערציילן, מיט שאַנד און מיט חרפה,
געשיכטע וועט באַפעהלן: דערציילט, זאָגט,
ווי אַזוי האָבן אייערע טאַטעס און זיידעס
געקענט דעם ווינטן גורל אַריבעריאָגן,
זיך געטרונקען און ניט דערטרונקען געוואָרן!

ערגיץ וועט זיך געפינען פאַרוואַלגערט
אַ דערמאָנונג אין אַ צעטראָטן בלעטל,
מיט בלוט פאַרצייכנט, ווי באַשריבן:
„מיר האָבן געשריען, גערופן, נאָר די וועלט,
ניט געוואָלט אונדז הערן, געווען טויבע מענטשן
פאַרבלוטיקטע אַ הייפעלע זיינען מיר פאַרבליבן".

אין קומענדיקע דורות וועט איין ייד דעם אנדערן דערקלערן
דעם אומגלויבלעכן גרויסן מענטשלעכן ליגן,
ווי אזוי גרויסע פעלקער געראנגלט האבן זיך
איינער רק דעם אנדערן וואס שנעלער איינצושלינגען
אין דעם געראנגל גרייט געווען אונדז נאך מער פארטיליקן.

וואונדער איבער וואונדער,
געשעענישן, פול מיט נסים,
דורך פייער, דורך בלוט
איז ישראל ניי-געבוירן
אויפגעשטאנען תחית המתים
הערצל, נארדוי, וואלפסאן, אונדזערע נביאים.

וועט מען די אלטע תחינות צערייסן?
וועט מען די פארמעט מגילות פארברענען? . . .
ווי אזוי וועט זיך דער ייד צו די הויכן דערהויבן?
און וואס וועלן די קומענדיקע דורות קלערן? . . .
זיינען מיר פון היינטיקן דור ארונטער אין תהום?
מיר די פארמאטערטע פון די גלות׳ן . . .

דאמאלט ווען מיר׳ן שוין זיין די פארגאנגענע,
וועלן מיר אויך זיין די אויסגעמעקטע,
אזוי ווי יענע יידן פון די קאלך-אויוונס.
מען וועט זינגען א נייעם „אז ישיר״ . . .
בן-גוריון, וויצמאן, און כל ישראל . . .
א נייעם געזאנג, מיט א נייעם ניגון.

מיר, די איצט פארבליבענע יידן פונם
קאלך-אויוון-דור וועלן טרויערן און וויינען,
וואס וועלן אונדזערע טרערן קאנען דערציילן,
דערציילן דער וועלט . . . פון די בערג מיט אש,
צי פון די אליין אויסגעגראבענע קברים,
צי פון רוצחים וואס שפאנען נאך ארום פריי? . . .

נשמה׳דיקע מענטשן

אַ מענטש מוז ריידן מיט עמיצן און אַראָפּריידן
דאָס וואָס עס דריקט אויף דער נשמה מיט וויי,
ניט זיינע פאַרבאַהאַלטענע סודות פונם לעבן,
נאָר פונם אינעווייניקסטן ניט אַרויסגעשריגענעם געשריי;

און רעדט מען זיך אַראָפּ פונם האַרצן דאָס שווערע
וואָס לאָזט ניט רוען, און עס דריקט און עס נאָגט;
ווערט ווי גרינגער דער לאַסט, עס קומט אַזאַ ליכט,
מיט האָפענונג אויף אַלץ, וואָס מען רעדט און מען זאָגט;

ס׳ווערן קלאָרער זאַכן, ווערטער ניט דערקלערטע,
בינדן זיך צוזאַמען, און קומען צום געדאַנק . . .
דערפאַר איז גוט צו ריידן, זיך אַראָפּריידן,
— וויל שווייגן איז ערגער ווי בלייבן קראַנק . . .

געבענטשט איז דער וועלכער קען אימער שמייכלען
און קוקט אַריין דעם טאָג אין פּנים און לאַכט;
און קוקט צו די שטערן ווי זיי ליכטיק פינקלען,
און לעבט זיין לעבן אפילו אין דער טיפער נאַכט . . .

— — — — — — — — — — — — — —

געבענטשט איז דער וועלכער האָט ליב געבן, ניט נעמען,
און ניט באַרימען זיך מיט אַזאַ שיינעם טאַט;
און גלויבט יענעם, וועלכער איז שטענדיק הונגעריק
— ווען ער אַליין איז פריידיק, און איז זאַט . . .

שטאַרקער פון לעבן

ס'האָט אַ חלום מיר גע'חלומט
אין אַ טונקלער נאַכט אַ שוואַרצער,
אַז איך וואַנדער אין אַ מדבר . . .
ווייט פון מענטשן, ווייט פון לעבן,
אָן אַ ציל, און אָן אַ שטרעבן,
מאַט, דערשלאָגן, שוואַך, אָן כּוח,
בלויז געדאַנקען אינם מוח;
— און דער חלום, חלומט יאָרן,
אין דער מדבר כ'בין פאַרלאָרן,
אַליין, איינער, ווייט פון יעדן,
בלויז צו דער מדבר קען איך רעדן . . .

און ווען דער טאָג מיט נאַכט זיך בייטן,
זע איך מדבר'שעם פון ווייטן;
ביינער, מענטשלעכע געשטאַלטן,
אין דער פינסטערניש באַהאַלטן . . .
און מיט טרויערע געזאַנגען,
הער איך שטימען — שוין געפאַנגען . . .

ניט איין מאָל האָט דאָס געטראָפן,
איך בין אין חלום איינגעשלאָפן,
איז פאַרביי מיר דורכגעפלויגן
מיט אַ „קאָסע", ווי אַ בויגן,
צוויי סקעלעטן, מענטש־ביינער,
— שטיין געבליבן איז נאָר איינער,
זיך גענומען בויגן, קניען,
מיך צו אים, גענומען ציען . . .
געהערט האָב איך גלאָקן־קלאַנגען,
און מיט טרויערע געזאַנגען,
„שוין געפאַנגען, שוין געפאַנגען" . . .

דער חלום-שלאָף, ער רייסט זיך איבער,
און איך דערפיל, איך ווער אַ גבור,
שטאַרקע מוסקלען, שאַרף די ציינער,
אַליין אין מדבר, נישטאָ גאָר קיינער;
נאָר פון ווייטן זע איך שלאַנגען,
טויזנטע, מיך צו פאַנגען . . .
שלענג געפאַרבטע, ווייס מיט רויטן,
זייער גיפט איז באַלד צו טויטן,
און עס הערט זיך גלאָקן-קלאַנגען,
און מיט טרויערע געזאַנגען
זינגען אַלע: שוין געפאַנגען . . .

מיך באַפאַלט קיין מרה-שחורה;
פאַרן טויט איך האָב קיין מורא,
ניט איין מאָל שוין מיך געצויגן,
שטאָלץ געקוקט אים אין די אויגן,
און מיט דיכטערשע געזאַנגען
אויסגעשריגן: שווער מיך פאַנגען . . .

אינם חלומ׳דיקן מדבר
בלאָזט אַ ווינט פון אַלע זייטן;
דער ווינט דערהויבט זיך צו אַ שטורעם,
פון מזרח, מערב, צפון, דרום,
דער ווינט פייפט אויס צער-קלאַנגען
און מיט טרויערע געזאַנגען . . .
— מיר וועלן פאַנגען, מיר וועלן פאַנגען . . .

1923

אין דער נשמה פונם מענטשן

יעדעס קנייטשעלע פון אַ פּנים באַווייזט,
אַ גוטע נשמה, פון אַ מענטשלעכן גייסט;
זיין לעבן, זיין שטרעבן, אפילו די יאָרן,
זיין ריינעם געוויסן, זיין קלעם און זיין צאָרן;
זיין שפּאַן, זיינע טריט, זיין אָטעם דעם שווערן,
און כאַפּט איר די בליקן, באַווייזט אייך זיין קלערן . . .
זיין ריידן אייך לערנט, זיין טיפקייט פון וויסן,
— איר זעט די געפילן, ווי טראָפּנס זיך גיסן,
דעם גייסט פונם מענטשן, ווען איר קוקט זיך איין,
ווי אַן אָפענער בוך אַזוי וועט ער זיין . . .
דאָס וואָרט פון זיין מויל, דער דריי מיט זיין צונג,
— דאַן מישט זיך אַ בלעטל, איר לייענט אַלצדינג . . .
און אויב די געפילן זיי מאַכן צום נאַר . . .
ניט שולדיק דער אורטייל, ס'איז קליין די געפאַר . . .
— איר זענט ניט קיין נביא, ס'איז ניט קיין שפּיל,
דער גייסט פונם מענטשן איז אַ טיפער געפיל . . .
— איר האָט בלויז מיט צווייפל — דעם גייסט דאָך באַקלערט,
— און אַ רייכע פאַנטאַזיע איז געוואָרן צעשטערט . . .

האָט איר ווען געזען?

(דעם אָנדענק פון פּיטער מ. קאָהן)

האָט איר ווען געזען
אין פעלד ערגעץ שטיין
אַ בוים, אַן אַלטן,
אַזוי זיך אַליין;
די צווייגן פאַרטרוקנט,
קיין איין פרישער בלאַט,
פון אַלטקייט פאַרדאַרבן,
פון לעבן שוין מאַט . . .

האָט איר ווען געזען
אַ גאָרטן, אַ טייך,
צעבלעטערטע בוימער
— זיי קוקן אויף אייך;
ווי פייגעלעך פּיקן
די קערנער פון גראָז,
און ווערן דערשראָקן
פון ווינטעלע בלאָז . . .

האָט איר ווען געזען
אַ בלינדן זיך גיין,
אַ שטעקן אין האַנט,
און איינער אַליין;
די פיס זיינע פּלאָנטען,
און שווער איז זיין גאַנג
— אַזוי ווי די פערזן
וואָס האָבן קיין קלאַנג . . .

האָט איר ווען געזען
אַ טויטן אין בעט,
די ליפּן פאַרזיגלט,
קיין וואָרט מער ער רעדט;
זיין קערפּער אַ קאַלטער,
די אויגן פאַרמאַכט,
אָ, זאָגט מיר וואָס האָט איר
אַט דאמאלס געטראַכט? . . .

אַ פאַרלאָרענער שטערן

(צום אָנדענק מיין פריינט ד״ר ש. מלמד׳ן)

עס האָט זיך אַ פלאַמיקער שטערן
אַרונטערגעלאָזט ווי אַ שפּיז . . .
פון הימל, און אונטער די וואָלקנס
פאַרשוואונדן דער שיינענדער ריז . . .

עס האָבן אויך אַנדערע שטערן
דאָרט אויבן אין הימל געפינקלט ;
וועד וויים צי האָט וועמען געקימערט
וואָס איינער פון זיי איז פאַרטונקלט ;

און אונטן די ערד אונדזער פלאַכע
געלעגן צעשפּרייט און פאַרשלאָפן ;
די נאַכט האָט געוואוסט און געשוויגן,
וואָס ס׳האָט מיטן שטערן געטראָפן . . .

דער ים האָט די כוואַליעס געהויבן,
און האָט זיי מיט כישוף געטראָגן ;
געוואָרפן צו זאַמדיקע ברעגן
ווי זיי וואָלטן דעם שטערן באַקלאָגן ! . . .

דער מאַרטירער

(צום אָנדענק פון אַלעקסאַנדער בערקמאַן)

אַ, האַרץ מיינס, דו ווייטיקסט; ווער גרינגער,
ניט קלאַפּ אַזוי שווער, עס טוט וויי;
געפאַלן אַ קרבן אַ ריז ביי אונדז איינער,
אַ קעמפער — עס בלייבן איצט ווייניק פון זיי...

צום העלד פון דער פרייהייט די נאַכט איז געקומען,
אַ קבר צווישן מיליאָנען מיט קברים;
איז לייג איך אַ קראַנץ מיט אַלערליי בלומען
און קריץ איין זיין נאָמען אין וועלטלעכע ספרים...

געלעבט און געליטן פאַר וועלטלעכן אומרעכט,
אַ קינד פון דער מענטשלעכער וועלטלעכער גאַס,
געפּייניקט זיין יוגנט, אויף ווינטן געוואָרפן
זיין וועזן, זיין איך, אין פלאַמיקן האַס — — —

געקראַכט האָט דער בוים, די מעכטיקע דעמבע,
אָבער שטאַרק זענען די וואָרצלען פון שטאַם;
די טעג פון זיין יוגנט, פאַר פרייהייט אין תפיסה,
דער אָפּקלאַנג פון לעבן, די קייטן פון סם...

די אייביקע נאַכט

(דעם דיכטער מ. שערמאַנ׳ן צום אָנדענק)

דיין ליד איז געענדיקט
דיין דיכטן ביים סוף,
דיין דיכטער-נשמה
אין אייביקן שלאָף;

צעבראָכן דיין פּען ליגט
דער טינט מיטן טינטער,
אַרונטער אין תהום,
אייביקער ווינטער . . .

דיין נאַכט איז אויף אייביק
אין פינסטערער גרוב,
דער צער אַזוי גרויזאַם
פאַר די וואָס האָבן דיך ליב . . .

דיין פרוי שטייט פאַרצאַרנט,
איר האַרץ בלייבט פאַרקלעמט;
צעעפנט די אויגן
זי שטייט ווי פאַרשעמט . . .

יוגנט און אַלטקייט

צווײ קאָנטראַסטן

אַלטקייט: צעבראָכן פֿון לעבן,
די ביינער שוין אַלט,
צוריק צו מיין יוגנט
וואָלט איך ניט געוואָלט . . .

יוגנט: מיין יוגנט עס בליט איצט
מיט שענערע טעג,
מיט בלומען באַפּוצט איז
מיין טרוימערשער וועג ;
אַלטקייט: די אויגן שוין שוואַכע,
צו זען איז שווער,
די אויערן פֿאַרלייגטע,
שוין קוים וואָס איך הער ;

יוגנט: איך בין יונג, מיט לעבן,
די וועלט אַזוי שיין ;
טראַכטן פֿון אַלטקייט
וואָלט נאַריש געווען . . .

אַלטקייט: מיין רוקן געבויגן,
מיין האַרץ איז אויך שוואַך ;
דאָך ווילט זיך אַ מענטשן
גאָר לעבן אַ סך . . .

יוגנט: די הימלען און שטערן,
די ימים און טייכן,
זיי פּונקט ווי די יוגנט,
די וועלט זיי באַרייכן . . .

אַלטקייט: אין יוגנט ווי נאַריש
די וועלט כ'האָב פאַרשטאַנען!
געגלויבט אויף דער עלטער
איז שענערס פאַראַנען . . .

יוגנט: מיין יוגנט מיט שטורעם
דאָס לעבן וועט וועקן,
און וועט זיך פאַר קיינעם
און קיין זאַך ניט שרעקן . . .

די וועלט איז אַ חלום
און שווער צו פאַרשטיין;
די יוגנט וועט קומען,
— און אַלטקייט מוז גיין . . .

באַלאַדן, מעשיות און לעגענדן

נ פ ת ל י

(אַ באַלאַדע)

אין דער היים
איז ער, נפתלי,
דאָרט געווען
אַ בעל־עגלה,
פלעגט פאַרשווינען
פירן אימער,
סיי אין ווינטער,
סיי אין זומער,
סיי אין רעגן,
סיי אין שניי —
געהאַט אַ וואָגן,
פערדלעך צוויי —
געהאַט אַ הויז,
געהאַט אַ שטאַל,
געהאַט דעם דלות
א י ב ע ר אַ ל . . .

איין מאָל האָט זיך
רב נפתלי,
אונדזער שטעטל־
בעל־עגלה,
זיך גענומען
צו באַקלערן
ווי פון דלות
פטור ווערן.
— הער מיר אוים,
מיין חיה־יענטע,

צרות האָבן
מיר געברענטע;
כ'האָב אַ פּלאַן
מ'טאָר ניט
„ברייען",
פון דעם דלות
זיך באַפרייען,

מאָרגן פרי
וועל איך לויפן
און די פערדלעך
באַלד פאַרקויפן.
ווען דער מאָרגן
איז געקומען,
האָט נפתלי
באַלד גענומען,
ניט געאיילט
און ניט געשלאָגן,
איינגעשפּאַנט
די פערד און וואָגן.
און גענומען
פול מיט פריידן,
צו די פערדלעך
זיינע ריידן:

הערט מיך אויס,
איר, מיינע סוסים,
צוואַנציק יאָר
געלעבט מיט נסים;
ניט געהאַט
גענוג צום זויפן,
פיר איך איצטער
אייך פאַרקויפן,
און פאַרקויפט
זיין שפּאַן, נפתלי,

אוים, אַ סוף.
קיין בעל-עגלה . . .

און באַלד שבת
נאָך הבדלה
האָט גענומען
רב נפתלי
אין בית-המדרש
נאָך „עלינו״
זוכן אויף
זיין הויז אַ קונה,
האָט ער טאַקע
באַלד געפונען,
דעם אַלטן שמש
רב פיניע׳ן,
מיט אַ ווערטל,
מיט אַ חקירה,
תיכף אים
פאַרקויפט
זיין דירה.
אָן אַ „וועקסל״,
אָן פּראָצענט,
באַלד, מזומן
אין די הענט . . .

קוים מיט צרות
אָנגעקליבן
אַ הונדערט רובל,
און געשריבן
צו זיין לאַנדסמאַן
משה לעמען,
ער זאָל אים
אַרונטערנעמען
פון „קעסל גאַרדן״.
ניט פאַרזאַמען,

און אין ניו יאָרק
שוין זיין צוזאַמען . . .

און געשריבן
בזה הלשון:
— איך פאַרלאַנג
קיין פינף גראָשן,
איך פאַרלאָז זיך
ניט אויף נסים,
כ'האָב פאַרקויפט שוין
מיינע סוסים
און געזאַמלט
קוים ביז הונדערט,
פאָר איך איצט
צו דיר אַצונדערט . . .
און מיין ווייב,
מיין חיה-יענטע,
לאָז איך דאָ
דערווייילע בלייבן,
איז, זיי געזונט
מיין ליבער לאַנדסמאַן,
כ'וועל פון וועג
דיר בריוולעך שרייבן.

2

ווען נפתלי
איז געקומען,
האָט ער תיכף
זיך גענומען
איבער הייזער
אַרומלויפן,
אַלטע שמאַטעס
אָנצוקויפן . . .
אַלטע קליידער,
אַלטע „רעק"

אָנגעקליבן
שמוץ אַ שרעק;
און געוואוינט
האָט רב נפתלי
אין אַ גאַס
אַ פינסטער שמאָלע,
צרות האָט ער
בלויז פאַרדינט,
ביז ער האָט זיך
אויסגעגרינט . . .

ווען נפתלי
האָט באַקומען
דאָלארן
אין טאַש מזומן,
האָט ער באַלד
גענומען קלערן
ווי פון יענטען
פּטור ווערן,
אָנגעטון זיך
אַ צילינדער,
מיט אַ העמד
און ווייסן „קאָלער"
און געפונען
זיך אַ כלה.
געלט מזומן
טויזנט „דאָלער".

און פאַרגעסן
אין זיין קליפה . . .
אין זיין ווייב,
זיין חיה־יענטע . . .
און מיט דער
געשטעלט אַ חופה.
ס'זאָל ניט ווייסן
קיין באַקענטע,

איצטער הייסט
נפתלי „נייטן”,
קיינער קאָן אים
ניט דערקענען,
און גענומען
זיך באַרימען,
ווי ער פלעגט
גאַר וועלטן ברענען . . .

3

און זיין אַלטע
חיה־יענטע
איז געקומען
אים צו זוכן
און גענומען
איבער הייזער
ווי נפתלי
אַרומקריכן . . .
האָט גענומען
אין אַ קאָשיק
„מעטשעס”, „טוטפּיקס”,
ליכט צום בענטשן,
און געבעטן
מען זאָל העלפן
אַן עגונה,
גוטע מענטשן.
אין די גאַסן
ריינע, שטילע,
איז געגאַנגען
איין מאָל יענטע,
מיטן „קאָשיק”,
מיט דער סחורה
צו פאַרקויפן
צו באַקענטע.

אין אַ גאַס
וואו ס'וואוינען
דייטשן,
ביי אַ הויז
וואו ס'הענגט אַ „סיין":
דאָ דערלויבט מען
ניט קיין „פּעדלער",
אין יענער הויז
איז זי אַריין.
„מעטשעס,
טוטפּיקס,
ליכט צום בענטשן,
קויפט דאָס,
קויפט דאָס,
גוטע מענטשן,
כ'בין אַן עלנטע עגונה
אין קאָלאמבוסעס מדינה".
— ביי אַ שיינעם
טיש געגרייטן,
זיצט זיך הער
און מיסעס „נייטן";
פּלוצלונג עפנט
זיך די טיר,
און אַ „קאָשיק"
זעט מען פריר,
אָנגעשטאָפּט
מיט סחורות פיל,
און אַ יידענע
רעדט שטיל:
„מעטשעס, טוטפּיקס,
ליכט צום בענטשן,
קויפט דאָס,
קויפט דאָס,
גוטע מענטשן,
כ'בין אַן עלנטע עגונה,
אין קאָלאמבוסעס מדינה".

ווען נפתלי
האָט דערזעען
אין זיין הויז
זיין יענטע שטיין,
האָט ער באַלד
גענומען קלערן,
ווי פון ביידע פּטור ווערן . . .

און נפתלי
איז פאַרשוואונדן,
זיין פאַרמעגן
מיטגענומען,
און עס איז איצט
נאָך אַן עגונה
צו אונדז יידן
צוגעקומען . . .

דעם שניידערס שער

(אַ סיבירישע לעגענדע)

האָט איר שוין געהערט די מעשה
וואָס עס טוט זיך איצט אין דאָרף?
— מאשקע סיביריאַק, דער שניידער,
האָט מיט כעס געטאָן אַ וואָרף
זיין „קוזאכע”, און מיט אימפעט
לעבן הויז געכאַפּט אַ בער —
פונקט די גרויס ווי אַ בהמה
און דערצו בלויז מיט זיין שער . . .
צוויי מינוטן האָט גענומען,
איז דער בער געלעגן טויט.
מאַשקע סיביריאַק, דער שניידער,
האָט צעבראָקט דעם בער ווי קרויט . . .

מאַשקע איז אַ ייד אַ שטאַרקער.
מען זאָגט ער קומט פון טיף ראסיי;
דאָרטן איז געווען פּאָגראָמען —
צעהאַקט האָט ער קאַצאַפּעס צוויי . . .
ער אַליין דערציילט אַז מערער נאָך . . .
דאָס איז שווערלעך צו פאַרשטיין.
— ווי קומט צו איינעם אַזאַ גבורה,
צו קאָנען טאָן די זאַך אַליין?
— זאָגט מען כלומרשט אַז זיין שערל
האָט אין זיך אַ כישוף נאָך . . .
און די שפּיצן דינע, שאַרפע,
טויטן באַלד, מיט בלויז איין שטאָך . . .

זיצן זיך אַ רעדל גוים
און מען רעדט פון שניידער מאשקע,

פאַרט פאַרביי דער גלח פיאָדער
אין זיין אַלטער קליינער „דראָזשקע",
זאָגט צו אַלעמען: גוט מאָרגן!
פרעגט, צי האָבן זיי צו טרינקען . . .
ווייסן זיי ניט וואָס צו זאָגן —
צווישן זיך, בלויז איבערווינקען . . .
טוט דער גלח אויס זיין מאַנטל,
קריכט אַרונטער פון זיין „דראָזשקע",
זעצט זיך לעבן זיי אין רעדל,
הערן מעשיות פון דעם מאָשקע.

רופט זיך אָפּ דער גלח פיאָדער
צו זיין שכן פון זיין געסל:
— גיי, איוואַנקע, צו דעם שענקער,
קויף מיר בראָנפן פון דעם פעסל.
זאָג דעם שענקער דאָרטן — יאַנקל,
איך וועל אים באַצאָלן מאָרגן.
„אַ וואוילער יידל איז דער יאַנקל,
ביי אים איז אַלעם גרינג צו באָרגן.
ניט אַזוי ווי יענער יידל,
יענער שניידער, אייער מאָשקע,
ער וואָלט מיר קיין גראָשן לייען
כאָטש פאַרזעץ ביי אים די „דראָזשקע" . . ."

נאָך דער מעשה, נאָך אַ מעשה,
וואָס ניט לאַנג האָט דאָ פאַרלאָפן:
מאָשקע סיביריאַק, דער שניידער,
האָט אַ גרויסן בער געטראָפן.
איז אַ בער מיט בלוט פאַרלאָפן.
איי אַ בער! געמעגט שוין זען:
ווי אַ „סלאָן" אַזוי די גרוים!
ממש אויף דער שטעל דער׳הרג׳עט,
מיט זיין שאַרפער שער אַ שטוים . . .
— מאָשקע — זאָגט מען — איז אַ טייוול,
אַלע ציטערן פון שרעק!
גיט דער גלח זיי אַן עצה:

אים פארטרייבן ווייט אוועק . . .
גלעט דער גלח אוים זיין בערדל,
צלמ'ט איבער זיך דריי מאל,
טוט א טרונק פון פלעשל בראנפן,
— ער וועט עצה'ן — זאגט ער קהל . . .

איך וועל קלינגען אלע גלאקן
פון דעם קלויסטער, מארגן פרי,
וועט דאס גאנצע דארף דאך קומען —
וועל איך זאגן: הערט זיך צו . . .
ס'איז אצינדערט ניט קיין „חאגע",
מיין סלאוויאנסקי בלוט בלויז זידט . . .
אויף דעם הימל אונדזער מוטער
איצטער אויף די קניעס, קניט . . .
אונדזער דארף מוז בלייבן קריסטלעך,
קריסטלעך איז די ערד פון לאנד!
קומען איצטער יידן; שניידער —
און זיי מאכן אלץ צו שאנד . . .
נעמט זיך, קריסטן, צו די צלמים!
די „איקאנעס" אונדזער גלויבן,
אלע מאשקעס, אלע יאנקלס
פון דעם דארף, זיי ווייט פארטרייבן.
גלויבט אין גאט, איר גוטע קריסטן,
גאט און „באטיושקא" איז הייליק,
יעדער קאן פאר זיך אלץ נעמען,
פון די יאנקלס, מאשקעס חלק . . .

שטעלט זיך אויף אן אלטער פויער,
פיפקעט, אזש עס גייט א רויך.
און פון רעדל אלע גוים
הערן ווי ער שרייט גאנץ הויך . . .
— מאשקעס? יאנקלס? וואס פאר ווערטער?
אונדזער דארף האט בלויז צוויי יידן.
מאכט איר פלענער זיי דערשרעקן?!
מאשקעס, האבן מיר בלויז איינעם;
יאנקלס, דאכט זיך, אויך ניט מיין.

ווילט איר אַ פּאַגראָם גאָר מאַכן?
דאַכט זיך, פּאַטערל, ניט שיין.

בלייבן אַלע ווי פאַרשטיינערט,
און זיי קוקן זיך אַרום.
מאָשקע „סיביריאַק״, דער שניידער,
שטייט גאָר לעבן זיי ווי שטום . . .
ווערן גלח׳ס אויגן מילדער,
בלויז אַ בלאַסער ווי די וואַנט.
נעמט בלויז אָן זיין גרויסן צלם
אין זיין ציטערדיקער האַנט
און פאַרנויגט זיך פאַרן שניידער
פּונקט ווי פאַר אַ גרויסן הער . . .
— איז דאָס אמת, ליבער מאָשקע,
האָסט ניט מורא פאַר קיין בער?

— אמת, פּאַטערל געטרייער,
כ׳האָב קיין מורא פאַר קיין בער . . .
ווייל איר ווייסט, איך בין אַ שניידער,
טראָג איך שטענדיק מיט מיין שער.
— יאָ, די שער איז שאַרף און שפּיציק;
שנייד איך אַלץ מיט מיינע פינגער,
אַ ירושה פון מיין טאַטן
כ׳זאָל ניט שטאַרבן פון קיין הונגער . . .
איך קאָן קליידער שניידן, נייען,
איך, מאָשקע „סיביריאַק״:
ניט געקומען בין איך בעטלען
ברויט פון אייך דאָ, מיט אַ זאַק . . .

איר האָט יידן צוויי אין שטעטל,
מאַכט איר זיי דאָס לעבן שווער,
אַ פּאָגראָמל ווילט איר מאַכן?
קוקט זיך איינעט אויף מיין שער . . .
אָט די שער איז שטאַרק פאַרכישופט,
כ׳האַלט זי שטענדיק אָנגעשאַרפט,
— ווען מיין נאָמען איז ניט מאָשקע —

שניידן וואָלט זי אייך באַדאַרפט,
שניידן אייך ווי שמאַטעס אַלטע,
וועלכע פוילן אין אַ שמוץ . . .
אייער לעבן, אייער וועבן,
ברענגט דער מענטשהייט ניט קיין נוץ . . .

נעמט דער שניידער באַלד זיין שערל
פון זיין קעשענע אַרויס;
ווייזט צוויי שאַרפע, לאַנגע שפּיצן,
ווי צוויי שווערדן, לאַנג און גרויס.
פאַלן אַלע אויף די קניעס
און דער גלח אינדערמיט,
און מיט טרערן אין די אויגן
בעטן זיי: פאַרגיב אונדז, ייד . . .

אַט די מעשה הערט מען שטענדיק
— אַ לעגענדע פון סיביר . . .
מאָשקע סיביריאַק, אַ שניידער,
האָט לעגענדעס אָן אַ שיעור . . .

דער משפט

אויבן אין הימל, אין בית-דין של מעלה,
דאָרט זיצן בלויז שרייבער און דיכטער;
ס'זיצט משה-לייב מיט זיין „גאָלדענע פּאַווע",
און איראָניש ער קוקט אויף די ריכטער . . .

מען וועט דאָרטן משפּט'ן, אים מיט זיין „פּאַווע",
אַריינלאָזן אין גן-עדן? איז די שאלה.
צוליב זיי איז גערופן די דאָזיקע זיצונג
פֿאַרן הויפּט פֿונם בית-דין של מעלה.

דער „זיידע" איז אויבן מיט גדלות געזעסן,
און ראָזענפעלד, פרוג, ביי די זייטן;
דער משפּט וועט זיין וועגן אַ הויכן ענין —
די זינד משה-לייב'ס צו באַשטרייטן.

דער הויפּט פּאַרטיידיקער איז בעל-מחשבות,
אַ נערוועזער מענטש, און צעטראָגן . . .
דערזען האָט ראָזענפעלד האַלפּערן דאָרטן,
נישט אַנדערש געוואָלט אים באַלד שלאָגן . . .

פרוג האָט געהיצט זיך, און אויכעט דאַליצקי,
און אנסקי ז'געוועזן גרייט מיט חקירות . . .
די דיכטער די אַלטע האָבן גענומען באַווייזן
ווי האַלפּערן צעדרייט האָט די שורות . . .

דער דייטש, העגריך היינע, ט'געביסן די ליפּן,
(איר ווייסט דאָך, געוועזן איז ער אַ כעסן . . .)
גערעדט האָט ער הויך, דער עולם זאָלן הערן,
אַז געדאַרפט וואָלט מען האַלפּערן שמייסן . . .

האָט פרישמאַן געווענדט זיך צו אחד העם'ן
אַז מען מוז משה-לייבן באַשיצן,
משה-לייב איז געזעסן, גערעדט צו זיין „פּאווע",
און געלאַכט פון גן-עדן'שע וויצן . . .

אין בית-דין של מעלה גענומען האָט קלינגען,
ס'האָט אַ מלאך געשטעלט זיך דאָרט ריידן ;
געבעטן די שרייבער צו מאַכן אַ סוף באַלד,
זאָל האַלפּערן גיין אין גן-עדן . . .

האָט ראַזענפעלד ווידער גענומען זיך קאָכן,
דערווייזן אַז פון אים מוז אַלץ שטאַמען ;
די שיינע פּאָעזיע, די אידישע דיכטונג,
און פון „גאָלדענע פּאווע" די גראַמען . . .

צונזער און אימבער גערעדט ווי פּאָעטן,
באַקלאָגט זיך אויף משה-לייב'ס אָפּלאַכן . . .
פון זייער אַרט שרייבן חוזק געמאַכט,
זיי גערופן פאַרשימלטע זאַכן . . .

ס'האָט שמ"ר געזאָגט, ער האָט פיינט משפטים . . .
געהייסן די אסיפה צעטרייבן ;
משה-לייב איז אַ קינסטלער, דער זלאַטשעווער דיכטער,
און געמעגט האָט ער אַלץ אַזוי שרייבן ?

ס'האָט בעל-מחשבות, מיט ווערטער ווי פּערל,
גענומען מיט פאַקטן דערווייזן —
האַלפּערינס גרויסקייט, ליטעראַריש גערעדט,
באַלאַנגט אין גן-עדן'שע קרייזן !

געזוים, ס'איז ניט שווער דאָ אייך באַווייזן,
דורך געזעצלעכע הימלשע גזירות
אַז האַלפּערן ווי מיר, אָט דאָ אַלע,
איז שולדיק אין האָבן עבירות . . .

גלויב איך, געווען וואָלט איצט רעכט,
אין גן־עדן, מיט כבוד אים זעצן;
האַלפּערן איז זיכער אַ קינסטלער געווען,
און קונסט מוז מען אַלעמאָל שעצן . . .

האָט יהואש, אַ שטילער, גענומען דאָס וואָרט,
געבעטן ניט מאַכן קיין ווען . . .
ווייל האַלפּערן איז באמת אַ דיכטער געווען,
און מיר האָבן אים שטענדיק געלעזן.

האָט שלום־עליכם געגעבן אַ לאַך,
נעמט לאַכנדיק האַלפּערן לויבן;
„אַ דיכטער געווען און פון העכסטן ראַנג,
און אין אַזוינעם מוזן מיר גלויבן!"

האָט פּרץ געגעבן אַ גלענצנדן וואונק
אַז דינעזאָן ברענגען זאָל קאַווע
און מאַכן אַ סעודה, און פריילעך זאָל זיין,
משה־לייבן, מיט זיין „גאָלדענער פּאַווע" . . .

קיין משפט איז שוין ניט געווען —
עט! אַ קאָכעניש, זשומען, און ריידן;
אַ יידישן דיכטער פון גרוים באַנעם —
פאַר אים שטייט גרייט דער גן־עדן . . .

משה־לייב האָט איראָניש געוואָרפן אַ בליק,
משה־לייביש זיך העפלעך פאַרבויגן;
גענומען זיין „גאָלדענע פּאַווע" מיט זיך —
איז ערגיץ פון דאָרטן פאַרפלויגן . . .

ביים באַנקעט

(צו משה לייב׳ס אַן אָונטט)

אַזוי איז דאָס שוין איינגעפירט
ביי אונדז אין שטאָט פון יאָרן:
אַז ווען עס קומט אַ גאַסט אַהער
פון ערגעץ ווייט צו פאָרן;
אַ קבלת פנים מאַכט מען אים,
דערנאָך אויך אַ באַנקעטל,
מען עסט, מען טרינקט, מען פאַרברענגט,
ס׳איז פריילעך אינם שטעטל . . .

די געסט, זיי קומען צום „באַנקעט״
פאַרפּוצטע, ווי עס פירט זיך:
מען כאַפּט דאָס עסן אויף דער גיך,
דער גאַסט אויף דעם פאַרקלערט זיך;
באַטראַכט דעם עולם אַרום גוט,
די טיפן, און געשטאַלטן . . .
און די גדולים פון דער שטאָט
וואָס וועלן רעדעס האַלטן.

באַלד שטעלט זיך אויף אַ יונגער מאַן,
טראָגט גראָבע, שוואַרצע ברילן,
אַ קאָפּ מיט לאַנגע, שוואַרצע האָר,
און מיט אַ קול אַ שטילן:
— זאָגט, חברים, איר קענט דעם גאַסט,
איך וויל איר זאָלט זיין זיכער . . .
ער שרייבט ניט אין קיין צייטונגען,
ער שרייבט בלויז שטענדיק ביכער;

זיין שרייבן איז פון וויכטיקייט,
און מיט אַ העליש פייער . . .
ער איז אַ מענטש פון גרויס פאַרנעם,
דערפאַר איז ער אונדז טייער ;
כאָטש איך אַליין פאַרשטיי גאָר ניט —
דאָס שטאַרקייט פון זיין שרייבן.
(איך בעט די געסט ניט ריידן הויך
און שטיל אויף ווייטער בלייבן ! . . .)

איך שטעל אייך איצטער פאָר אַ מאַן
פון שטאָט, איר קענט אים זיכער ? . . .
איך בעט אים נאָר ניט ריידן לאַנג,
און מאַכן אַלץ וואָס גיכער . . .
חיים בערקע שרייבערמאַן,
ער קען דעם גאַסט שוין יאָרן,
ער זינדיקט אויך צו מיט דער פען,
און האָט אַ קאָפּ אַ קלאָרן ! . . .

עס שטעלט זיך אויף ביים טיש אַ מאַן,
אַ דאַרער, און אַ בלאַסער ;
און גיסט אַריין פון פלאַש אין גלאָז
פאַר זיך, צום טרינקען וואַסער ;
און זאָגט צום גאַסט : — מיין ליבער פריינט,
קיין סך וועל איך ניט ריידן . . .
איך וויל בלויז פרעגן דאָ ביי דיר —
ווער איז גרעסער פון אונדז ביידן ? . . .

מיר זיינען ביידע, פאַר געווים,
דיכטער ליטעראַטן ;
און אויב עס צווייפלט ווער אין דעם,
מעג אַ רוח אין יענעמס טאַטן !
ער נעמט אַ מויל מיט וואַסער אָן,
און מיט די ציין פאַרקריצט ער ;
דאָס וואַסער פליסט פון מויל אַרויס,
די געסט אַרום באַשפּריצט ער . . .

עס שטעלט זיך אויף דער גאַסט אַליין,
דער עולם האַלט אין ביימן . . .
ער קוקט זיך אום, און טוט אַ זאָג:
— מען דאַרף אייך אַלע שמייסן . . .
אָט דער „באַנקעט" איז דאָך פאַר מיר,
מיך באַערן, און מיך לויבן . . .
געקומען בעבקע שרייבערמאַן
פשוט מיך באַרויבן . . .
נו דאַנק איך אייך, און ווייסט פאַרוואָס:
ניט פאַר דעם „באַנקעטל" . . .
נאָר בלויז דערפאַר — איך קען אצינד
דעם גרעסטן נאַר פון שטעטל . . .

לאָס אַנגעלעס, 1928

דער נייער משיח

ניין! ניט אויף קיין ווייסן פערד
און ניט קיין אַלטער,
איינגעוויקלטער,
פאַרשימלטער,
ווי די גאַנצע אייביקייט,
וועט משיח,
דער משיח
וואָס פון יאָרן טויזנטע!
דער משיח וואָס יעדער פאָלק,
יעדער גלויבן — יעדער גלויביקער,
פון יאָרן הונדערטע,
פון יאָרן טויזנטע,
און אפשר פון דער גאַנצער אייביקייט,
האָפן, און וואַרטן,
אַז אָט, אָט אָט, וועט משיח קומען . . .

ניין! ניט אויף קיין ווייסן פערד,
וועט משיח קומען
טראָגנדיק אַ מגן דוד,
(דער סימבאָל פון אַלטן חומש)
און ניט וועט ער טראָגן,
דעם צלם-קרייץ
(דעם סימבאָל פון נייעם טעסטאַמענט)
און ניט צו יעקב׳ן,
און ניט צו עשיו׳ן,
וועט משיח וועלכער דאַרף באַלד קומען,
קניענדיק און בויגנדיק, נויגנדיק
גאַר איינגאַנצן קומען . . .

ניין! ניט וועט משיח׳ס ווייסער פערד,
דאָס שיינע פערד זיינס, זיין געפּאַנצערט
מיט אַ צוים פון גאָלדענעם מעטאַל,
— צי פון זילבער,
— צי פון קופּער,
— צי פון מעש,
— צי פון שטאָל . . .
ניט וועט זיין פערד לויפן גאַלאָפּ
מיט איינגעצויגענע רימענע פּאַסקעס . . .
און ניט וועט משיח
מיט זיינע אַלטע, דאַרע הענט
ציען, און איינהאַלטן דאָס פערד! . . .
דאָס פערד וואָס וועט לויפן,
און זיין קורצן, קורצן אונטערשטן עק
מיט זיינע לאַנגע אַרויסגעשטעקטע אויערן,
גאָר איינגאַנצן לויפן, און קומען! . . .

ניין! ניט יעקב,
ניין! ניט עשיו,
וועלן אויף אייזערנע בריקן גיין,
— אויף פּאַפּירענע בריקן גיין,
און ניט וועט משיח,
דער לאַנג דערוואַרטערטער משיח,
די טרוימערשע לעגענדע,
פון יאָרן הונדערטע,
צי פון טויזנטע,
און אפשר, פון דער גאַנצער אייביקייט
גאָר איינגאַנצן קומען? . . .

אַבער אַ משיח קומט!
ער קומט, ער קומט,
בלינדע וועלן אים דערזען,
טויבע וועלן אים דערהערן,
שטומע וועלן צו אים רעדן,

טויטע וועלן תחית-המתים אויפשטיין;
משיח קומט!
יונג און קרעפטיק ווי אַ ריז,
ניט קיין אַלטער,
ניט קיין באַוואָקסענער,
און ניט אין מלכות-קליידער אויסגעפּוצט,
יונג און מיט שטאַרקע מוסקלען,
יונג, און אַ ברייט-ביינענדיקער,
מיט אַ ליכטיקן, שיינעם פּנים,
מיט אַ ברענענדיקן פאַקל אין זיין
רעכטער האַנט,
און מיט איינפאַכע קליידער,
און דאָס פאַקל ברענט, און ברענט,
מיט אַ רויט העליש פייער,
און דאָס פייער הויבט אָן באַלייכטן,
באַשיינען,
און צעוואַרפן די שטראַלן
איבער דער גאַנצער וועלט,
— אָט דער נייער משיח קומט! . . .

דאָס ניט געענדיקטע ליד

(אַ יאַפּאַנעזישע לעגענדע)

גאַקיראַקים גרויסער שטערן
און זיין קליינינק שיטער בערדל:
יונג זיין פּנים. אָן שום קנייטשן.
קאָן גוט רייטן אויף אַ פערדל.

ער אַליין איז קליין געוויקסיג,
און זיין קאָפּ און גרויסער שטערן —
יאַפּאַנ'ס צייכן פון אַ דענקער
וואָס האָט שכל און קאָן קלערן.

גאַקיראַקי איז דער דיכטער
פון זיין פאָלק; דער גרויסער שטערן
ער אַליין איז אַ פאַנטאַז
פון לעגענדעס אויסצוקלערן.

יאָרן דיכטעט ער מיט צויבער
אַלע זיינע קלוגע לידער;
אַלע מענטשן פון די גאַסן
רופט ער שטענדיק: שוועסטער, ברידער...

זינגט ער אין די גאַסן לידער,
שעפּט די פערזן ווי פון ברונען...
אָטעמט איין זיך זיין נשמה,
זיין זכרון פול מיט זונען...

זינגט דער דיכטער גאַקיראַקי
פאַר די מענטשן פון זיין צייט;
לידער פונם מענטשנס לעבן,
פון די לענדער ערגעץ ווייט.

ערגעץ ווייט אַן ערדיש ווינקל,
שיינען זונען טאָג און נאַכט —
און דער גרויסער דיכטער דיכטעט
ווי דאָס לעבן דאָרטן לאַכט!

ווערט דער דיכטער גאַקיראַקי
איינגעשלאָפן אין אַ שלאָף;
חלומט אים זיך אינם חלום —
זיינע לידער זיינען שאָף.

פאַשעט ער די שאָף אין פעלדער,
זינגט זיך הויך זיין געזאַנג;
אינם ריטם פון די פערזן
פילט זיך ליריש טאָן און קלאַנג.

קלוג איז ער דאָך, גאַקיראַקי,
פון פאַנטאַזיע׳ס ווינקל ערד,
שפּילט ער אוים אַזאַ פאַנטאַזיע:
פרויען שיינקייט, ליד און שווערד.

זינגט דער דיכטער אין זיין חלום,
ברענען בוימער, בערג אין פלאַם;
און דאָס גאַנצע ווינקל ערד דאָרט
ווערט פאַרטרונקען אין דעם ים.

— — — — — — — — — —

ווערט דער דיכטער ניי געבוירן,
לעבט ער, וועבט ער פון נאַטור;
דיכטעט ער דעם מענטשנס לעבן
שענער, בעסער, ריין און קלאָר.

גאַקיראַקי זעצט זיך שרייבן,
אויף זיין טיש ליגט ווייס פאַפּיר.
ער פאַרטראַכט זיך אין געדאַנקען,
לאַנגזאַם שרייבט ער אַן אַ שיעור...

אסידאָ-בודאַ איז דער תמצית
פון זיין שרייבן דער געדאַנק.
שרייבט דער דיכטער גאַקיראַקי
זיין פּאָעמע — גאָטס געשאַנק . . .

שרייבט ער שורות אָן אָן אָפּשטעל,
אין אַ יעדן פערז דעם קלאַנג;
מורמלט ער מיט זיינע ליפּן,
פילט זיך עפּעס אַ געזאַנג!

יוקי-נאַ איז אַ טאָכטער
פון אַ פרייער ליבע, מוט,
אויסגעוואָקסן און דערצויגן
ערגעץ ווייט אַרוים פון שטאָט.

לי-קאַמאַטשאַ איז איר מוטער
און יוקי-נאַ איז איר קינד.
זיס און ליב זיינען געפילן —
מוטערס פילן ניט די זינד . . .

פאָטערס זענען ניט פאַרבונדן
מיט דער פרוכט פון זייער זינד;
מוטערס זויגן און דערציען
ס'איז זייער פלייש און זייער קינד.

ס'איז יוקי-נאַ אויסגעוואָקסן,
ווי אַ בלימל פון אַ בוים,
און צעבלעטערט אַלע צווייגן
ווי אַ דיכטערס שיינער טרוים.

זי, די שיינינקע יוקי-נאַ,
זומערס אַכצן אַלט איז זי —
רייצט זי יעדן מיט איר יוגנט,
מיט איר פרויען בוזעמס גלי . . .

ס'איז די סאַמע שיינע יאָרן,
ווען די מיידלקייט גליט און ברענט,
— איז אַ רייטער אָנגעקומען
און מיט יוקי־נאַ זיך באַקענט . . .

יאַוואַזומי, צוויי מאָל עלטער,
פון טאָקיאָ'ר איידלען שטאַם,
ער פאַרליבט זיך אין יוקי־נאַן
מיט דעם בודא'ס הייסן פלאַם . . .

קניט ער, בויגט ער פאַר יוקי־נאַן,
ווי עס פירט זיך אין יאַפּאַן,
און דערציילט איר שיינע מעשיות,
ווי אויף פערד ער רייטן קאָן.

ער דערציילט איר פון די פערדלעך
וועלכע לויפן מיט גאַלאָפּ,
און ווי ר'האָט איינמאָל שיער פאַרלאָרן
אין זיין רייטן זיין שיינעם קאָפּ.

ער דערציילט איר פון אַ ליבע
פון זיין יוגנט־שמערץ און וויי;
ווי זי, יוקי־נאַ, אַזוי ענלעך,
פונקט אַזוי ווי שוועסטער צוויי . . .

יאָ, געווען איז זי אַ שיינע,
מיט אַ ווייסן פנים, קלאָר.
„פונקט ווי אירע אויגן — דיינע,
אויגן קליינינקע אַ פּאָר!"

כ'וויל פון אַלעם דיר דערציילן,
וועסטו ווייסן און פאַרשטיין,
בודא האָט זי צוגענומען —
די שולד איז מיינע ניט געווען . . .

זי האָט זיך אין דעם ים געוואָרפן,
שיין און בליענד ווי אַ בלום;
זי, מיין ליבסטע, ווי אַ מלאך
ליגט אין ים ביים גרונט דאָרט שטום . . .

רייט איך פערדלעך, מיין יוקי־נאַ,
שפּיל רולעט — ניט צוליב שפּיל . . .
ס'איז מיין האַרץ אין מיר צעבראָכן,
ס'איז מיין לעבן אָן אַ ציל . . .

שטייט יוקי־נאַ ווי דערשלאָגן,
פול מיט ביטערקייט און צאָרן,
אין די אויגן פונקען ברענען,
אַזש פון ליידן ווילד געוואָרן . . .

דו באַקלאָגסט זיך: דיין געליבטע
האָט דערטרונקען זיך אין ים?
איצטער ווילט זיך דיר אַ צווייטע,
זי פאַרגיפטן מיט דעם סם? . . .

וועק ניט, רייץ ניט די מינוטן
וועלכע לויפן ווי די פערד:
דריי דאָס רעדל פון רולעטע — —
שאַרפער שניידן קאָן קיין שווערד.

יאַפּאַנס פרויען קענען ליידן,
קעמפן ביז זיי פאַלן איין;
זייער ליבע קאָן ניט טויטן
זייער שטאָלץ אין גלאַנץ און שיין.

יאַפּאַנס פרויען, ניט קיין רייטער,
צו פאַרגעסן זייער וואונד . .
און מיר שפּילן ניט רולעטן;
ליבע איז ביי אונדז קיין זינד.

יאַפּאַנס פרויען ליבן אַנדערש,
זיי בעטלען ליבע ניט ווי ברויט —
ליבע, גוטער מענטש, ביי פרויען
איז שטאַרקער, הייליקער ווי טויט . . .

ס'איז דיין ליבע, יאַוואַזומי,
דיינעליידן, אַן געפיל.
אַלע מאָל אַן אַנדער ליבע;
ווילסטו אויך מיט מיר די שפּיל . . .

זי, קאַמאַטשאַ, איז מיין מוטער —
ניט דערטרונקען זיך אין ים;
זי האָט בלויז אין קאַמף פון לעבן
געטרונקען בעכער פול מיט סם . . .

דיר, מיין האַר, איז וואויל געגאַנגען;
ס'איז דיין נאָמען ניט פאַרפלעקט —
בלויז קאַמאַטשאַ, זי מיין מוטער,
האָט איר שאַנדע צוגעדעקט.

וועק ניט, רייץ ניט די געפילן!
בעסער רייט אויף ווילדע פערד,
דריי די רעדלעך פון רולעטן,
שאַרפער שניידן זאָל דיין שווערד.

נאַקיראַקי קאָן ניט דיכטן,
שרייבן לידער איז אים שווער;
און דאָס ליד פון מענטשנס לעבן
קאָן ער שוין ניט דיכטן מער.

רייט ער אויך אויף יאַפּאַנס פערדלעך,
שפּילט רולעט און טרינקט דעם וויין;
זיין פּאַעמע — ניט געענדיקט —
זאָל ווי פריער דאָס לעבן זיין . . .

דעם פישערמאַנס חלום

(אַ יאַפּאַנעזיש מעשה׳לע)

1

יאהמאטה איז אַ פישער,
טרייבט אַ זעגל טאָג און נאַכט,
כאַפּט די פיש אין ים דעם טיפן,
בודא שטענדיק אים באַוואַכט:

ס׳איז יאהמאטה לאַנג פאַרהייראַט,
האָט אַ זון, מיט פינף טעכטער;
וואוינט ביים ברעג פון ים דעם גרויסן,
און ווי אַ פישערמאַן אַן עכטער

כאַפּט די פיש פון ים דעם טיפן,
און ער פאָרט אין שטאָט פאַרקויפן,
קומען קונים פון ווייטע שטרעקעס
פון די דערפער באַלד צולויפן.

איז זיין שיפל אָנגעלאָדן,
און יאהמאטה׳ס פנים לאַכט,
אַנקערט ער ביים ברעג זיין שיפל
ער האָט פיש אַ סך געבראַכט.

פישערס זיינען שטענדיק שטילע —
האָבן פיינט זיך צו באַרימען,
רופט מען זיי נאָר בלויז אין יאַפּאַן:
מענטשן, ווי די פיש וואָס שטומען.

איין מאָל טוט אַ זאָג יאהמאטה,
ער וועט אַ מעשה׳לע דערציילן;
סודות שטילע פול מיט צער,
וואָס בודא האָט אַזוי באַפוילן.

און יאהמאטה ער נעמט דערציילן
וואָס עס האָט מיט אים געטראָפן:
שיפנדיק זיך מיט זיין שיפל
איז ער איינמאָל איינגעשלאָפן.

האָט גע׳חלומט אים אַ חלום
אַז די נעץ בויגט איין זיין זעגל —
ס׳איז דער גרויסער ים אַ שטילער
און עס טרייבן ניט די פליגל.

כאַפּט ער באַלד זיך אויף פון חלום,
שלעפּט אַרויס די נעץ די שווערע,
ווערט ער באַלד דערשטוינט, דערשראָקן —
ס׳איז די נעץ געווען אַ לערע . .

בלויז אַ קליינטשיק, דאַרע פישל
וואַרפט ער דאָס צום זייט פון זעגל.
פלוצלונג ווערט דאָס פישל גרעסער
און ווי אַ מלאך קריגט דאָס פליגל . . .

ווי אויף טויט ווערט ער דערשראָקן,
נעמט די נעץ צו זיך צוציען —
הויבט זיך אויף דאָס מלאך־פישל
און מיט די פליגל הויבט אָן פליען.

פליט צוויי מאָל אַרום דעם זעגל,
שטעלט זיך לעבן אים אַנידער,
ווערט עס ווידער ווי צעשראָקן,
און ער מאַכט ניט קיין גערודער.

נעמט זיך אָן מיט מוט און שטאַרקייט,
און ער פרעגט: וואָס וועט פּאַסירן?
ענטפערט אים דעם בודא׳ס מלאך:
איך וועל איצט דאָס זעגל פירן . . .

פרעגט יאהמאטה: ווילסט מיך טרינקען?
כ׳האָב דאָך קינדער צו דערנערן —
אַ בן יחיד, פינף טעכטער —
צו מיין פרוי מוזטו מיך פירן . . .

— איך בין בודא׳ס אַ שליח,
ער אַליין וועט מיט דיר רעדן;
פיר איך דיך צו אים אין הימל
דאָרט אויבן, אין גן עדן.

זעט יאהמאטה פון דער ווייטנס
ברענען לאַמפּן אין קאָלירן;
רויטע פייערס, פלאַמיק, העלע
גלייך אַהין וועט ער אים פירן.

און דער הימל איז אַ בלויער,
און די שטערן אַלע ברענען.
פלוצלונג פליט ער אין דער לופט,
— שווער זיין שיפל צו דערקענען.

ס׳איז דאָס שיפל בלויז פון פערל
און מיט גאָלד אַרומגעשלאָגן;
— און דער דיל פון גלאַטן מאַרבל
האָט אין לופטן זיך געטראָגן.

חלומט ער אַזוי אין חלום,
בודא וועט מיט אים דאָך ריידן;
און דער מלאך — פיש פון וואַסער,
שוועבט מיט אים איצט אין גן עדן . . .

ווערט דער בלויער הימל טונקלער
און עס קומט אַ ווינט אַ קאַלטער,
— באַלד באַווייזט זיך אויפן שיפל
בודא׳ס מלאך, גאָר אַן אַלטער.

בודא׳ס מלאך מיט אַ שטעקן,
מיט א באָרד, אַ לאַנגע, ווייסע,
— איצטער מעגט איר אַלע וויסן —
הויבט זיך אָן די גאַנצע מעשה . . .

2

לעבן טאָקיאָ, אַ שטעטל —
שטייט אַ מויער שיין און גרויס;
דאָרטן וואוינט אַ רייכער בירגער
— גייט פון הויז קיינמאָל אַרויס.

אַלע צימערן מיט מעבל
און מיט טעפּיכער פאַרשפּרייט.
זיצט דער רייכער טשאַהאַמאַנגא,
און ער וואַרט בלויז אויפן טויט.

אַרום הויז אַ וואַנט אַ גרויסע,
אויפן טויער הענגט אַ שלאָס;
און דער בירגער טשאַהאַמאַנגא
טראָגט אויף אַלעמען פאַרדראָס.

האָט קיין ווייב און ניט קיין קינדער,
קיינעם האָט ער אין דער וועלט;
זיצט ער שטענדיק און ער היט בלויז
זיין פאַרמעגן — פעסער געלט . . .

זיצט זיך אין אַ גרויסן צימער
און באַדינער אויף דער וואַך,
טשאַהאַמאַנגא ווערט אַלץ עלטער —
טרוימט נאָך אַלץ פון געלט אַ סך.

לייט ער געלט און נעמט פראַצענטן
און ער מאַכט זיך ווי אַ תם . . .
לייט צו די וואָס האָבן גיטער
און פון יאַפּאַנס איידעלן שטאַם . . .

בודא טראָגט אויף אים גרויס צאָרן
ווייל ער דינט צום גאָלדן קאַלב.
איצטער, וואַרט זשע גוטע מענטשן —
ווייל די מעשה איז בלויז האַלב.

3

טראָגט זיך אַלץ דאָס שיפל העכער
און דעם בודא׳ס מלאך זעט:
ער פירט יאהמאטהן אין גן עדן —
אַלץ פאַר אים איז צוגעגרייט . . .

ס׳ווערט אַרום אים טונקל, פינסטער
— הערט מ׳פרייט זיך און מ׳לאַכט;
ער הערט די שטימע פונם מלאך:
„כ׳האָב דעם פישערמאַן געבראַכט".

הייסט מען אים זיין קאָפּ אַנבויגן.
וואָס מ׳הייסט אים מוז ער טאָן;
מ׳באַנעצט זיין קאָפּ מיט בוימל,
צו די אויגן ליכט קומט אָן.

פליען בלויז אַרום מלאכים,
צוויי מלאכים ביי זיין זייט.
און ער הערט ווי פויקן קלאַפּן
און אַ קול אַ הויכעס שרייט:

„יאהאמאטא איז געקומען!
יאהאמאטא, בודא׳ס גאַסט;
ברענגען מוז מען אויך טשאהאמאנגאן
— גאַנץ יאַפּאַן אים פאַרהאַסט".

זעט יאהאמאטא זיינע טעכטער,
ווילן אים גאָר ניט דערקענען . . .
פרעגט אַ מלאך ביי יאהאמאטאן
צי ער ווייסט כאָטש ווער זיי זענען.

הויבט יאהאמאטא אָן צו וויינען:
— ס'איז דאָך מיינע טעכטער!
קער זיי אום צו זייער מוטער —
בודא איז דאָך אַ גערעכטער!

בעט יאהאמאטא ביי זיין בודא:
גרויסער בודא, דו גערעכטער!
ס'האָט דער רייכער טשאהאמאנגא
פאַרפירט אהערצו מיינע טעכטער!

האָב איך קעגן דיר געזינדיקט?
גוטער בודא, דו מיין גלויבן,
לאָז ניט קיינעם מיינע טעכטער
זיי פון מיר אַוועקצורויבן . . .

ענטפערט בודא: ליבער פישער,
יאהאמאטא, זון געטרייער,
ווייסט, דו ביסט איצט אין גן עדן,
ביסט פון אַלע זינד אַ פרייער.

יענער בירגער טשאהאמאנגא
האָט אַ רעכט אויף דיינע טעכטער;
מיט דיין פרוי האָט ער געזינדיקט —
זיין פאַרלאַנג איז אַ גערעכטער.

ווייל זיי זיינען לויט דיין בודא
דאָ פאַרצייכנט זיינע קינדער,
האָב איך אים אַ שטראָף געגעבן —
ביז זיין טויט צו זיין אַ בלינדער.

ניט ער וועט זיי קענען זען,
ניט ער וועט זיי קענען הערען;
ס׳וועט דיין פֿאַלשע ווייב, יאהאמאטא,
פון גרוים צער משוגע ווערן.

דו, מיין פישערמאַן, יאהאמאטא,
שוועב צוריק צום שיף און זעגל.
ס׳וועט אַ גוטער, ליבער מלאך
אויף דיר אָנטאָן זיינע פליגל.

ס׳איז דיין פרוי געווען אַ פֿאַלשע,
דיך באַטראָגן אַלע יאָרן;
האָט זי דורך טשאהאמאנגא׳ן
פינף טעכטער אים געבוירן . . .

גיי, מיין דינער, דו יאהאמאטא,
דו ביסט מענטש פון יאַפּאַנס ליים . . .
בודא׳ן זאָלסטו שטענדיק דינען
אויפן ים און אין דיין היים.

— — — — — — — — — —

קוקט גאַנץ יאַפּאַן אויפן הימל,
בודא זיצט דאָרט ווייט אַרויף;
איצטער ווייסט מען אין יאַפּאַן,
— ס׳איז אַ מעשה אָן אַ סוף.

די באַלאַדע פון אַמעריקאַנער ליבעס

די מעשה אַן אַלטע, גאָר אַלטע לעגענדע,
מ׳קאָן זי דערציילן כסדר אָן ענדע.

אַ מעשה אַזאַ וואָס האָט זיך געטראָפן
דערציילט אַ דערציילער ווי זי איז פאַרלאָפן.

אַן איינציקער זון ביי זיין טאַטן און מאַמען,
געלעבט האָבן זיי זיך אין דרייען צוזאַמען

דער טאַטע אַ גוטער, די מאַמע נאָך בעסער,
די הערצער פון דרייען טירן אָן שלעסער.

דאָס לעבן פון דרייען, אַ בוך וואָס איז אָפן,
איז לייענט איר, ווייסט איר וואָס ס׳האָט געטראָפן.

געווען איז דער זון אין זיי ביידן געראָטן,
קיין זאַך ניט געטאָן וואָס געזעץ האָט פאַרבאָטן.

געוואַקסן אין יוגנט ווי אַ בוים אין דער הויך,
אַף שפּעטערע יאָרן פאַרזאָרגט זיך מיט כח.

די קינדהייט פאַרגייט גיך, יוגנט נעמט שוועבן,
עס קומט אָן די צייט, רופט עס צום לעבן.

אַזוי איז די מעשה וואָס ווערט אַ לעגענדע,
דער אָנפאַנג אַן אָנהויב, דער סוף איז אַן ענדע.

אַ מעשה אַזאַ וואָס האָט זיך געטראָפן,
ניט אַנדערש דערציילט ווי זי איז פאַרלאָפן.

אַן איינציקע טאָכטער ביי טאַטן און מאַמען,
זיי האָבן געלעבט זיך אינדרייען צוזאַמען.

דער טאַטע אַ כעסן, די מאַמע אַ מילדע,
די איינציקע טאָכטער, צעלאָזט און אַ ווילדע.

געוואַקסן אין רייכטום ביים כעסן דעם טאַטן,
געלעבט אין אַ וואוילטאָג, אַ לעבן אַ זאַטן.

די מעשה אַן אַלטע, גאָר אַלטע לעגענדע,
מ׳קאָן עס דערציילן אַ יאָר אָן אַן ענדע.

דער עיקר, דערהויפּט איז צעקנאַקן דאָס ניסל,
צעטיילן דעם יאָדער, פאַר יעדן אַ ביסל

זאָל יעדער פאַרזוכן די זיסקייט דערפון,
די אמת׳ע מעשה זי הויבט זיך איצט אָן.

אַמאָל און אַמאָל ווען מ׳פלעגט ליבעם פירן,
געמוזט האָט מען פריער אַרומגיין שפּאַצירן,

דערקלערן אין ליבע, דער בחור דעם מיידל,
גערעדט האָט מען דאַמאָלס, געווען איז דאָס איידל.

נאָר היינט איז גאַנץ אַנדערש, ווער וויל עס שפּאַצירן?
ווער וויל אין גאַס גאָר אַ ליבע פאַרפירן?

דעם בחור און מיידל׳ס ראָמאַן נאָך אַ טאַנץ,
די פריערדיקע יאָרן, שוין פאַרלאָרן דעם גלאַנץ . . .

היינט מאַכן מען אַ „פּאַרטי", מ׳ווערט גיך באַקאַנט,
געפעלן זיךביידע, בעט ער איר האַנט.

אַ דימענט אַ גרויסן, מעג זיין מיט אַ פלעק,
מ׳לויפט אין געריכט, צו אַ ריכטער אַוועק.

פון היינטיקע צייטן, דער „סטרימליין” ראָמאַן,
אַ „פּאַרטי” מיט משקה, און — מזל-טוב דאַן.

אַ „האָנימון” ערגיץ אין רייכסטן האָטעל,
און טראָגן די כלה אַריבער דער שוועל.

אַזוי איז די מעשה אַ האַלבע לעגענדע,
דער אָנהויב איז רוישיק, געשווינד קומט די ענדע.

אַזאַ מין ראָמאַן האָט מיט פייער געצונדן,
דעם איינציקן זון פון דעם פּאָר פאָלק פאַרבונדן.

מיט דער בת-יחידה פונם כעסן, דעם טאַטן,
וואָס באָדט זיך אין וואָוילטאָג, אַ לעבן אַ זאַטן,

דעם טאַטן, דעם כעסן, האָט פאַרדראָסן די זאַך,
אַן איידעם אַ קבצן פּאַסט ניט פאַר זיין פאַך.

גערופן דעם איידעם אַהיים גלייך צו זיך,
געהייסן צע'גט'ן זיין טאָכטער אָף גיך,

„וואָס הייסט זיך גאָר גט'ן, פאַרוואָס און פאַרווען?
פאַרליבטע נשמות, מיט פייער און ברען!”

אַ ליבע וואָס שטאַרק איז, האָט קיין פאַרגלייך,
אַ ליבע וואָס ווייסט ניט פון אָרעם און רייך,

דער איידעם דערשראָקן, דער שווער איז אין כעס,
עס קומט אָן די שוויגער, דערשראָקן און בלאַס.

דערוויסט זיך וואָס דאָ צווישן זיי איז געשען,
פאַרברעכט זי די הענט מיט אַ יאָמער-געוויין.

די מעשה איז אַלט שוין, דאָך ווערט זי איצט ניי,
דער שווער און די שוויגער, מיטן איידעם איז דריי.

לאשטשעט די שוויגער דעם איידעם, און גלעט,
דער שווער, דער כעסן, אַף אַ קול זיך צערעדט:

„עס איז אמת, ביסט שיין, ווי אַ גיבור געזונט,
נאָר ביי מיר איז אַ קבצן אַ היימלאָזער הונט״.

איז ווערסטו מיך פאָלגן, ניט טאָן ווי דו פילסט,
גיב איך דיר געלט, פיל נאָר דו ווילסט

נאָר גט אַפּ מיין טאָכטער, דערצו מאַך אַ שוויג,
און ווערסטו ניט פאָלגן, דאַן קריגסטו אַ פייג!

און וואו איז די טאָכטער, איר מאַן איז אין נויט,
עס ברענט ווי אין פיבער זיין נשמה, זיין הויט,

זייט וויסן די טאָכטער איז שוין ניט פאַראַן,
פאַרפלויגן קיין רינא, מיט אַן עראָפּלאַן.

די עצה פון טאַטן, ער ווייסט וואָס ער רעדט,
אין רינא געזעצלעך, באַקומט זי אַ גט.

די דאָזיקע מעשה ווערט איצטער שוין קלאָר,
דאָס איז קיין לעגענדע, דאָס אַלץ איז וואָר.

אַזוי קאָן פּאַסירן, און אַזוי האָט פאַסירט,
דערווייל ביז דער ענדע נאָך אַלץ ניט דערפירט.

זיצא עדנא אין רינא, איר טאַטע אין שטאָט,
די מאַמע גיסט טרערן, בעט רחמים ביי גאָט.

דער איידעם פאַר׳חלומ׳ט, זיין קאָפּ איז פאַרדרייט,
ער טראַכט נאָר פון עדנאן וואו ער שטייט און גייט.

ער שפּאַנט אום פאַר׳שיכור׳ט, דער ווייטיק איז גרויס,
די שאַנד איז נאָך גרעסער, ער האַלט עס קוים אויס.

זיין טאטע, זיין מאמע, זיי פילן זיין צער,
דער זון, דער בן־יחיד איז געבליבן צום נאַר,

מחותנים, קבצנים, עס האָט מיר אַ ווערט,
איז איינער אַ נגיד איז אַלץ אים געהערט.

אַזוי איז פאַמעליך זעקס וואָכן אוועק,
די מעשה פאַרגעסן, אַ סוף און אַן עק.

ס'איז עדנא געקומען פון רינא אין שטאָט,
צוריק ביי איר טאַטן, עס איז ווידער איר גוט.

און הענרי דער גרויש, ער רעדט ניט קיין וואָרט,
זיין איינזאַמער לעבן געפינט זיך קיין אָרט.

ער גייט בלויז זיין וועג זיך, דעם גוטן, דעם שיינעם,
ער חלום'ט אַ חלום פון ליבשאַפט אינאיינעם.

— — — — — — — — — — — — —

די מעשה, אַן אַלטע, איצט בלייבט זי לעגענדע,
די היינטיקע ליבע, דערפירט ביז צו ענדע.

מיין שכן

דאָס לעבן פון מענטשן
איז שטענדיק בלויז בוי,
די הויז וועט אַ נעסט זיין,
צו מאַן און צו פרוי;

אַזוי איז דאָס לעבן,
דער וועג און דער גאַנג,
אַזוי איז נאַטירלעך,
דעם מענטשנס פאַרלאַנג;

מיין פרוי איז אַ קלוגע,
מען זאָגט זי איז שיין;
אויך פרעמדע זי לויבן,
ניט איך בלויז אַליין;

איז בין איך צופרידן
מיט אַלץ אַרום מיר,
איך שרייב מיינע לידער,
און זינג זיי פאַר איר . . .

עס דאַכט מיר מיין שכן
ער האָט אונדז ניט ליב,
ס'לויפן בלויז שדים
אַרום אין זיין שטוב . . .

באַטראַכט איך מיין שכן,
און קען ניט פאַרשטיין;
זיין הויז איז אַ נייע,
זיין פרוי דאַכט מיר שיין.

ער קוקט אוים פאַרצאָרנט,
פאַרביטערט, פאַרקלעמט,
זיין קאָפּ איינגעבויגן,
און שטענדיק פאַרשעמט! . . .

— — — — — — — — — —

די מעשה איז אָבער
פאַרפלאָנטערט אזוי,
— ער איז צוויי מאָל עלטער
פון אייגענער פרוי . . .

קינדערשע מחשבות׳ן
און
לידער

אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט

כ׳געדענק דאָס קלאָר:
ווען איך בין געווען אַ יינגל,
בין איך געשטאַנען
אַנטקעגן אַ גרויסן באַרג
און געקוקט אַרויף־צו,
האָב איך געזען ווי דער הימל
איז ניט ווייט פונם שפּיץ באַרג.

ס׳געדענקט זיך מיר קלאָר:
מיר האָט זיך דאַמאָלס געדאַכט —
ס׳עט נעמען יאָרן אַרויפקלעטערן אַהין,
אויף אָט אַ יענעם שפּיץ באַרג.

און דאָרטן גאַנץ אויבן
וואָלט איך געדאַרפט,
— אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט —
וואַרטן יאָרן און יאָרן,
ביז איך וועל אויסוואַקסן
און ווערן אַ גרויסער,
וועל איך מיט מיין רעכטער האַנט
אפשר, מיט אַ שפּיץ פון אַ פינגער,
קאָנען אַנטאַפּן דעם גרויסן,
דעם שיינעם בלויען הימל,
— אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט . . .

אַ שלעכטע ווייב

מיין רבי, יצחק מאיר,
האָט געהאַט אַ געלע באָרד
און אַ שלעכטע ווייב;
געהאַט אַ זון אַ בן־יחיד,
געהייסן האָט ער בן־ציון,
אַן איינגעשפּאַרטער ייִנגל,
אַ גרויסער עקשן;
און געהאַט האָט רבי יצחק מאיר
אויך צוויי טעכטער —
הינדעלע און טייבעלע —
טייבעלע מיט אַ קלייענדיקן
און פֿאַרגעלטן פּנים
און געלע האָר ווי איר טאַטע,
(מיין רבי יצחק מאיר).
— אַ כלה־מויד שוין, אַ גראָבע,
מיט פֿאַרקרימטע, גרויסע ציין;
זי האָט ליב געהאַט צוקער,
און פּיינט געהאַט איר טאַטן;
זי פֿלעגט שטענדיק שילטן גויים
און זיך קריגן מיט גויעטעם . . .
פֿלעג איך טראַכטן: —
זי וועט אויך חתונה האָבן,
אַזוי ווי איר מאַמע,
און וועט זיין אַ שלעכטע ווייב . . .

אַ ציג און אַ פייגעלע

צו אַ בוים איז אַ ציג
געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק,
די ציג האָט דאָס גראָז
אַרום בוים געקייט,
אַ פויגעלע איז אויפן בוים
געזעסן, אויף אַ קליין צווייגעלע,
אַרונטערגעקוקט צו דער ציג,
און פויגליש געפּיסטשעט,
אַרומגעשפּרונגען
פון איין צווייגעלע, צום צווייטן,
און פּיסטשענדיק אַוועקגעפלויגן . . .
אַ קליין פויגעלע,
אַ פריי פויגעלע,
אַ גרויסע ציג,
אַ צוגעבונדענע ציג,
שטייט און קייט גראָז! . . .

די סטאַטוע

גיט ווייט פון די ברעגן
פון ניו יאָרק,
שטייט אַ בראָנזענע סטאַטוע.
אַ סימבאָל,
אַ צייכן,
פון מענטשלעכער פרייהייט,
אַ מתנה פון דער פרייער
פראַנקרייך;
די מתנה צו דער יונגער אַמעריקע,
צו דעם ניי און ליבלעך לאַנד;
די סטאַטוע מיט אַ בראָנזענעם
בלעטער־קראַנץ אויפן קאָפּ,
מיט אַ ברענענדיקן פאַקל
אין איר אויסגעצויגענער האַנט,
אַריינגעשטעלט איז די סטאַטוע
טיף אינעם רוישיקן ים,
וואַרפן זיך די שטורעמדיקע כוואַליעס
אַרום דער בראָנזענער דאַמע,
אויף דער דאַמע מיטן צייכן
פאַר מענטשלעכער פרייהייט . . .
די כוואַליעס אַרום געזאַלצענעם ים
וואַרפן זיך צו דעם פונדאַמענט,
רייסן זיך מיט שטורעם,
שטויסן זיך מיט געוואַלט,
וואַרפן געזאַלצענע וואַסערן
פונם ים, ביטערע ווי גאַל! . . .
זיי פרעסן זיך אַריין
אינעם צעמענט, פון דער
בראָנזענער סטאַטוע,

שווימען פאַרביי שיפן
פון ווייטע און פרעמדע לענדער,
קוקן זיך איין אויף דער שיינקייט
פון דער גרויסער, מעכטיקער,
בראָנזענער דאַמע,
מיט גלאַנצנדיקע
פאַרשמאַכטע, מידע אויגן,
און האָפן אויף האָפענונג,
אויף מענטשלעכער פרייהייט! . . .

געוויסן

פון דער ערד, פון אונטערן הויז
ציען זיך אייזערנע רערן,
וואַסער־רערן אין הויז אַריין,
רינט דאָס וואַסער דורך קראַנטן,
וואַסער צום טרינקען,
וואַסער צו שטילן דעם דורשט,
דעם מענטשלעכן דורשט,
וואַסער צו וואַשן די שטויב,
די אינעווייניקסטע שטויבן פלעקן בלייבן,
— וואַסער וואַשט זיי ניט אָפּ,
צו אַזעלכע פלעקן איז פאַראַן בלויז
איין מיטל,
ניט קיין וואַסערדיקער:
— ס'איז געוויסן! . . .

מיין ייִנגעלע

צוויי אייגעלעך האָט מיין ייִנגעלע,
— שטערנדלעך צוויי,
הענטעלעך און פיסעלעך,
מיר זאָל זיין פאַר זיי!

אַ גוטער און אַ טייערער,
פרייִלעך צו מיר קוועלט ער,
אַ שמייכל אויף די ליפּעלעך,
און אַלעמען געפעלט ער;

זעלטן וויינט מיין ייִנגעלע,
ווען מען לייגט אים שלאָפן;
דערצייל איך אים אַ מעשה׳לע,
וואָס האָט אַמאָל געטראָפן,

אַ מעשה׳לע פון ציגעלעך,
און אויסגעטראַכטע זאַכן;
כדי איך זאָל אים איינוויגן,
ס׳זאָל אים שלאָפן מאַכן! . . .

דאָס מעשה׳לע פון ציגעלע,
וואָס איז ביינאַכט געשלאָפן
אין וואַלד אין טיפן, פינסטערן,
און וואָס האָט מיט דעם געטראָפן;

געשטאַנען איז אַ בוים אין וואַלד
פלעגט האָניק פון אים קאַפּען . . .
אַ לעק טאָן וויל דאָס ציגעלע,
האָט מורא, מ׳וועט דאָס כאַפּן,

מ׳עט בינדן דעם די פיסעלעך
און ווייט פון וואַלד פאַרפירן,
וואו קיין בוימער וואַקסן ניט
מ׳קען ניט גיין שפּאַצירן . . .

———————————

איך ווידערהאָל דאָס מעשה׳לע,
וואָס האָט אין וואַלד געטראָפן,
פאַרמאַכט ער זיינע אויגעלעך,
און ווערט געשמאַק אַנטשלאָפן.

דאָס ייִנגעלע און דער בער

גענאַנגען איז אַ ייִנגעלע
אין וואַלד אַריין שפּאַצירן,
געזאָגט זיין האַרץ האָט אים אויף פריער
אַז עפּעס וועט פּאַסירן . . .
ער האָט אַ בער דערזען דאָרט,
זיין מויל מיט שאַרפע ציינער,
— גענומען זיך פאַרטיידיקן
מיט וואַרפן אויף אים שטיינער;
די שיכעלעך זיך אויסגעטאָן,
און מיט אימפּעט רוישן . . .
און זיך שטיינדלעך אָנגעלייגט
אין אַלע זיינע טאַשן.

געשטאַנען איז דער בער פון ווייט,
באַטראַכט און צוגעזען,
דאָס ייִנגעלע באַפעסטיקט זיך
און וויל ניט אַוועקגיין . . .
דער בער האָט זיך אַוועקגעלייגט
אויף אַ שטיין אַ האַרטן,
און געמאַכט זיך שלעפערדיק
און גענומען וואַרטן . . .

אַז לויפן זאָל דאָס ייִנגעלע
וואו זיינע אויגן טראָגן —
אַרויס פון וואַלד דעם בערישן
און צו חברים זאָגן,
— ער האָט אַליין אַ בער אין וואַלד
פאַרטריבן בלויז מיט שטיינער!
אַ בייזער בער, אַ שוואַרצער בער,
אַ מויל מיט שאַרפע ציינער!

דאָס יינגעלע איז פון וואַלד אַרויס
און ציטערדיק דערשראָקן,
די שיכעלעך פאַרלאָרן האָט,
און אויף די פיס בלויז זאָקן;
און אין די טאַשן שטיינדעלעך,
און אין די אויגן טרערן,
אַליין אין וואַלד וועט ער ניט גיין,
ער וועט שוין קליגער ווערן . . .

די מעשה מיטן בער אין וואַלד
איז וואונדער איבער וואונדער —
ווער עס האָט זי אויסגעטראַכט,
איז אַ מעשה נאָך באַזונדער . . .

אַן עצה

הייסט די מאַמע
מיר כסדר,
לערנען זאָל איך
זיך אין חדר,
און די ליבע מאַמע,
זי ווייסט דאָך מסתמא . . .

„ווּעסטו קענען
לערנען, שרייבן,
ווּעסטו קלוג
און ערלעך בלייבן",
און די קלוגע מאַמע,
זי ווייסט דאָך מסתמא . . .

„לערן!" — זאָגט
דער טאַטע מיינער,
„ווּעסטו זיין
אַ מענטש אַ פיינער!
לערן, קינד, לעת-עתה",
עצה'ט מיר דער טאַטע.

אוי, דער טאַטע,
אוי, דער טאַטע,
זאָגט מיר, „לערן,
קינד, לעת-עתה",
— און דער טאַטע,
און די מאַמע,
ביידע ווייסן
זיי מסתמא . . .

גערענקסטו דאָס לידל?

(מוזיק: פּאָול לעמקאָף)

גערענקסטו דאָס לידל
מיר האָבן געזונגען?
געווען ביסטו דאַמאָלס נאָך קליין.
מיר האָבן געזונגען,
געטאַנצט און געשפּרונגען,
און קינד מיינס, געווען איז דאָס שיין!

גערענקסטו די טענער,
די צערטלעכע ווערטער?
געפריידט זיך און האָבן געלאַכט,
מיר האָבן געזונגען,
געטאַנצט און געשפּרונגען,
מיר האָבן זיך פריילעך געמאַכט!

דערמאָן זיך דאָס לידל,
די טענער, די שיינע!
געהוליעט, געווען ווי פאַרשייט;
מיר האָבן געזונגען,
געטאַנצט און געשפּרונגען,
געווען אַזאַ פריילעכע צייט . . .

ווען איך זאָל זיין אַ ייִנגעלע

(מוזיק: פּאָול לעמקאָף)

גע׳טענה׳ט צו מיר
האָט מיין טאַטע כסדר:
אַ יידישער ייִנגל
מוז לויפן אין חדר;

ער דאַרף זיך גוט לערנען
און ניט זיין קיין כעסן,
אויב ניט וועט דער רבי
אין חדר אים שמייסן...

די מאַמע פלעגן עצה׳ן:
זאָלסט לערנען מיט מוח;
אַ ייד איז אין גלות,
ס׳וועט געבן דיר כוח...

איז בין איך אין חדר
מיר שטענדיק געגאַנגען,
געלערנט מיט חשק
לויט מאַמע׳ס פאַרלאַנגען...

כ׳האָב זיך געלערנט
און אַלץ געוואָלט וויסן;
ס׳האָט מיך דער רבי
קיינמאָל געשמיסן!

און איצטער אַז איך בין
אַ גרויסער געוואָרן,
איז אַלעס פאַרבליבן
ביי מיר אין זכרון...

וואָס איך האָב געלערנט
ביים רבי'ן איז שיין,
— אַצינד איז מיר גרינגער
דאָס לעבן פאַרשטיין!

ווען איך וואָלט אַצינדערט
אַ ייִנגעלע זיין,
וואָלט איך מיט חשק
געלאָפן אין חדר אַריין;

כ'וואָלט גוט געלערנט,
ניט געווען וואָלט קיין „שקוץ",
— וואָס מען לערנט אין יוגנט
קומט שפּעטער צונוץ!

דער בלינדער זיידע

(אַ מעשה׳לע)

קינדער־ליד

אַמאָל איז געווען,
און געלעבט האָבן ביידע:
אַן אַלטינקע באבע,
אַן אַלטינקער זיידע.

געוואוינט האָבן יאָרן
די אַלטע צוזאַמען;
דער זיידע פלעגט לערנען,
די באבע פלעגט ראַמען.

די אַלטינקע באבע
פלעגט אַלעמען בענטשן,
פלעגט געבן נדבות
צו אָרעמע מענטשן.

דער זיידע פלעגט לערנען,
— אַ ייד אַ בן־תורה;
האָט תמיד אין לעבן
זיך געהיט פאַר אַן עבירה.

פלעגט גאָט בעטן שטענדיק
פאַר זינדיקע יידן,
צו לעבן, און שטאַרבן
צו כבוד און פרידן.

אזוי פלעגט ער לערנען
און שטענדיק בלויז האָפן,
— נאָר שפּעט אויף דער עלטער
האָט שרעקלעכס געטראָפן:

דער אַלטינקער זיידע
וואָס עלנט, אָן קינדער,
פון שטענדיקן לערנען
ז'געוואָרן אַ בלינדער.

געוויינט האָט די באבע
וואָס ס'האָט אים געטראָפן.
פון שרעקלעכן צער
איז זי אויף אייביק פאַרשלאָפן . . .

— — — — — — — — —

טויט איז די באבע,
דער זיידע אַ בלינדער.
שווער איז די עלטער
צו בלייבן אָן קינדער . . .

אַ פֿאַרשייט ייִנגעלע

ווען איך זאָל זײַן אַ ייִנגעלע,
וואָלט איך בלויז פּישטשען, זינגען,
און פּונקט ווי אַ קליין גלעקעלע
וואָלט איך כסדר קלינגען . . .

איז בין איך בלויז אַ ייִנגעלע —
ס׳ווילט זיך שפּרינגען, לאַכן,
און ווי אין וואַלד אַ ציגעלע,
פֿאַרשייטע קונצן מאַכן.

ווען איך וואָלט זײַן אַ בוימעלע
וואָלט איך בלויז שטענדיק בליען;
און וואָלט איך זײַן אַ שיפֿעלע —
אין וואַסער וואָלט איך ציען . . .

איז בין איך אַ פֿאַרשייטער בלויז,
מיר ווילט זיך הוליען, פֿרייען;
און ווי אין פֿעלד אַ ווערוויקל
זיך קוליען פֿלינק און דרייען . . .

אויפן גרויסן באַרג

אויף אַ גרויסן באַרג,
האַלט אַ בוים אין בליען,
איז אַ גרויסער אָדלער
געקומען דאָרט צופליען,

האָט ער זיך אַ נעסט,
פון פעדערן געבויעט,
איז אַ גרויסער ווינט
געקומען און געוואָיעט . . .

ס׳האָט דער ווינט צעשטערט
די נעסט און זי פאַרבלאָזן
אויפן גרויסן באַרג,
און אויף די גרינע גראָזן;

דער אָדלער האָט פאַר כעס
די צווייגן אויסגעריסן,
אויפן באַרג דעם בוים,
צעפליקט אים, און צעביסן;

אויף דעם גרויסן באַרג,
שטייט דער בוים איצט טרוקן,
פליט פאַרביי דער אָדלער,
— און וויל אויף אים ניט קוקן! . . .

צעוואַרפענע פּערל

צעוואָרפענע פערל

קלער איך אָפט וואָס איז פארגאנגען,
טרוימען, אידעאלן;
איצטער זע איך, אויך פארשטיי איך,
ניט אלץ איז דאָך פארפאלן;

יעדע האָפענונג פון לעבן,
און חלומות, שיינע;
יונגע טעג, און יונגע יאָרן,
לויטערע און ריינע;

איצטער זע איך, אויך פארשטיי איך
די טרוימערישע קוואלן;
יוגנט׳ס קלערן, שפעטער ווערן,
איינציקווייז צעפאלן . . .

* * *

אַ פראַגע

אפשר דערפאַר ווייל מיין זיידע האָט געדאַוונט,
און האָט אויף משיח׳ן געוואַרט;
האָט מיין טאַטע מיט דאַוונען געזינדיקט,
און נאָך גאָר אַן אנדער משיח׳ן געגאַרט . . .

און איך, אַן איניקל, און זון, זינדיק,
ווייל מיין משיח איז גאָר אַן אנדערער,
ניט איינגעהילט איז ער אין טלית און תפילין,
אָבער אזוי ווי זיי, איז ער אויך אַ וואנדערער.

בליקט מיין זון, מיין איינציקער, אויף אונדזערע דורות,
און פארגלייכט אונדז איינער מיטן אנדערן;
און קלערט, צי וועט ער אויך ווי מיר,
שטרעבן, און האָפן, און אין גלות ארומוואנדערן? . . .

אין פרי־פרימאָרגנס

די לבנה איז האַלב שוין פאַרגאַנגען,
די נאַכט איז באַלד שוין אַוועק;
אַ ווינטעלע, קיל, האַלט אין בלאָזן,
די ים־כוואַליעס לויפן צום ברעג . .

דער טוי צעשפּרייט זיך אויף גראָזן,
אויף אַלעם וואָס וואַקסט און עס לעבט,
פייגעלעך פליען און פישטשען,
און אַלץ וואָס עס לעבט, איצטער שוועבט.

דאָס וואַסערל לויפט פונם טייכל,
און ערגעץ ווייט קרייעט אַ האָן . . .
ערגעץ אַ הונט האַלט אין בילן,
די זון פאַרן טאָג קומט באַלד אָן.

* * *

די שיינע זון

צו מאָרגנס קומט די זון אַרויס,
באַשיינט די וועלט, ווי זי איז גרויס;
די זון זי שיינט אונדז ליכטיק שיין,
אין אָוונט מוז זי דאָך פאַרגיין!
—אַ גאַנצן טאָג זון שטראַלן שפּרייט,
אין אָוונט ערגעץ זי פאַרגייט . . .

מאָמענטן אַזעלכע

דו האָסט געשוויגן, קיין וואָרט ניט גערעדט,
דיין שווייגן אין שטילע מאָמענטן . . .
און איך האָב פאַרשטאַנען אַז דו ביסט פאַרליבט,
צו איינעם אַ פריינט אַ באַקענטן . . .

געשוויגן האָסטו דאָך, קיין וואָרט ניט גערעדט,
דיין שווייגן האָב איך גוט פאַרשטאַנען:
אויב ליבע איז שווייגן, און רעדט ניט קיין וואָרט,
— אָט דאַמאָלס איז ליבע פאַראַנען . . .

אַ שטילער בין איך פון דיר דאַמאָלס אַוועק,
און האָב דיך שוין מער ניט געזען,
און ביסטו אין חלום געקומען צו מיר,
— חלומות פאַרשווינדן, פאַרגייען . . .

1918

* * *

פאַרלאָרענער בטחון

איך האָב מיין בטחון צווישן טאָג און נאַכט ערגעץ
וואו פאַרלאָרן,
דאָס אָרט און דעם פלאַץ געדענק איך ניט אויף זיכער;
שוואַך איז מיין זכרון;
אַ טרייסט-וואָרט געזוכט אין מיינע לידער, אין ביכער,
און ווי אויסגערונען . . .
ביז כ'האָב אין מיינע טרוימען, און זיסע חלומות,
מיין בטחון געפונען . . .

1933

פ ע ר ז ן

אויסגעקושט אַלע רייפע, שיינע בלומען,
ניט בלויז זיי פונם גאָרטן גענומען;
אויך יענע פאַרבונדענע מיט סטענגעס־קניפּן,
זיי געקושט אין די אויגן, אין די ליפּן...
די אָפּגעריסענע פון צווייגן, און קוסטן,
די אויפגעהאנגענע אויף מיידלשע בריסטן;
צווישן בלעטער אין ביכער, איינגעדריקטע,
זיי ליגן נאָך איצטער ווי דערשטיקטע;
פאַרוועלקטע, פון יאָרן שוין פאַרקוואַרטע,
פאַרגעסענע בלומען אַמאָליקע, איצטער פאַרדאַרטע...

לעבן בוימל שטייט אַ מיידל,
אין דער האַנט אַ בלום,
צופּט די בלעטלעך און זי מורמלט:
ליבט ער מיך? נו, קום!
יאָ, ער ליבט מיך, ליבט ער? ניין!
איינס, צוויי, דריי!
ס'פאַלן בלעטלעך פונם בלימל,
— ליבט ער מיך געטריי?
ניין, ער ליבט ניט, יאָ, ער ליבט;
פיבעריש זי ציטערט...
די גאַנצע בלום אַרומגעפּליקט —
ס'האַרץ אירם איז פאַרביטערט...

1912

מאָרגן

מײַן געליבטע, דאַרפסט ניט זאָרגן,
ניט ווי נעכטן, וועט זײַן מאָרגן;
מאָרגן וועט זײַן בעסער, שענער,
ניט דער בייזער נעכטן, יענער . . .
יענער נעכטן איז פאַרשוואונדן,
ער האָט פײַער אָנגעצונדן;
מער דאָס פײַער וועט ניט ברענען,
וועסט דעם נעכטן ניט דערקענען . . .
מאָרגן וועט זײַן בעסער, גרינגער,
ס'וועט דאָס לעבן, זײַן דער זינגער,
מיר'ן זינגען אין די כאָרן
פון די ווײַטע לאַנגע יאָרן.

* * *

אין די הויכע הויכן

ביז אונטערן הימל, בערג נאָר פון שטיינער,
מיט הויכע פעלזן, איך קלעטער אַהין;
צי וועל איך דערגרייכן, דעם הויכן טורם,
צי וועט מיך באַשפּריצן מיט שטראַלן די זון . . .

צי וועט מײַן געליבטע, אויך דאָרט אויפן טורם,
אין די הויכע הויכן, מיט מיר אויך דאָרט זײַן;
און מיר'ן אינאיינעם, פיל בלומען פאַרזייען,
ס'וועט אונדז באַשפּריצן די הימלשע שײַן . . .

אָ, שווער איז צו טרוימען, פון הימלשע געטער,
ווען הערשער אויף דער ערד, באַזיצן די מאַכט . . .
די זאַפטיקסטע בלומען זיי ווערן צעטראָטן,
— דער שטן, ער קוקט אין די אויגן און לאַכט . . .

הימלשע סודות

אָ, הימלען, איר הויכע
מיט ברענענדע שטערן,
דאָס שיינען און לייכטן
אָפּט טונקעלער ווערן . . .
און טיילן פון הימל
דאָס ליכט ווערט צעגאָסן,
דער הימל ווערט טונקל
— די שטערן פאַרלאָשן! . . .

אָ, הימלען איר העלע
פון שטערן דער צייכן,
דאָס מענטשלעכע אויג בלויז
וואָס קאָן אייך בלויז גרייכן . . .
דאָס אויג פונם מענטשן,
עס זעט אין אייך לעבן,
— זעט ווי איר, שטערנדלעך,
ווערט אָפּט פאַרשוועבן . . .

אָ הימלען! אָ הימלען!
אונדז ווילט זיך אַלץ וויסן:
פון וואַנען די כמאַרעס
די שוואַרצע זיך גיסן?
און וואָס פאַר אַ געטלעכקייט
מאַכט זיי פאַרשוואונדן . . .
און ווידער די ליכטיקע
שטערן צו־צינדן . . .

אָ, איר געטלעכע הימלען!
איר געטלעכע שטערן;
ווערט ניט איר, שטערנדלעך,
וואָס וואָלט פון אונדז ווערן?...
מיר וואָלטן קיין זאַך ניט
פון לעבן פאַרשטאַנען,
— אויב ניט דאָרטן הויך
איז עמיץ פאַראַנען?...

די בושה

און קוק איך אריין אין די הייזער
פון רייכע, דורך פענסטער וואָס גלאַנצן;
— איז זע איך די מענטשן דאָרט זאַטע,
מיט פרייד דאָרטן הוליען און טאַנצן;

דאָס טייערע מעבל צעשטעלט איז
די טישן מיט עסנס געגרייטע . . .
די עלעקטרישע לאָמפּן באַלייכטן
די טעפּיכער ווייכע, צעשפּרייטע;

און קוק איך אין אָרעמע שטיבער,
דורך פענסטערלעך קליינע, פאַרשטויבטע;
איז זע איך וואו ס׳וואוינען די מענטשן,
פון אַלץ אינם לעבן באַרויבטע . . .

ביי זיי זענען טישן דאָרט ליידיק,
אין בעטן דאָרט מאַמעס זיי הוסטן . . .
די קינדער פאַרדאַרטע פון הונגער,
זיי זויגן פון ליידיקע ברוסטן . . .

דערפיל איך דעם צער און דאָס אומרעכט,
— די מענטשלעכע בושה, און ציטער;
דער שרעקלעכער ווייטיק און קללה,
וואָס פּלאָגט אַזוי אָרעמע — ביטער! . . .

ווער קען אָט די בושה פאַרריכטן? . . .
דעם אָרעמענס לעבן פאַרזיסן . . .
ניט צונעמען דאָס וואָס עס קומט אים,
— ס׳זאָל ריין בלייבן יעדנס געוויסן . . .

דער שטאָלץ פֿון אַרבעטער

דו דענקסט איך בין אַן אָרעמאַן,
— דאָך גייסטיק בין איך רייך ;
ווייל פיזיש, ווייסטו, שאַף איך דאָך,
איז ווער צו מיר דען גלייך ? . . .

דו גלויבסט איך בין אַן אָרעמאַן,
איך האָב קיין גאָלד — ס'איז וואָר. . .
מיין שאַפונג איז מיין רייכטום בלויז
— און שטאָלץ בין איך דערפאַר . . .

און כאָטש איך לעב אין אָרעמקייט,
אָן כבוד, און אָן געלט ;
דאָך בין איך, ווייסן זאָלסטו דאָס,
דער שטאָלצסטער אויף דער וועלט . . .

1922

שפּיל, אָרקעסטער

שפּיל, אָרקעסטער; שפּילט, מוזיקאַנטן,
שפּילט מיט טענער אויס אַ גוואַלד . . .
וואו אַ צעררייצטער לייב רעוועט אַ ווילדער,
פון הונגער טיף אינמיטן וואַלד;
ווי אַ ווילדער שטורעם יאָגט און רוישט
בויגט און ברעכט אין וואַלד די בוימער,
ווי אַ יונגער העלד, פאַרקלעמט פון צער,
פאַרלאָרן זיין ליבסטע, און פילט זיך דערשלאָגן . . .
שפּילט, שפּילט, שפּילט! שפּילט, מוזיקאַנטן,
פון טרויער, פון געלעכטער, העכער, און העכער,
רייסט דעם מענטשנס אויער, טרויער, טיפער,
שניידט דעם מענטשנס האַרץ, מאַכט לעכער,
רייסט די סטרונעס, קלאַפּט דעם באַראַבאַן . . .
זאָל דונערן, גרילצן, שפּילט אויס טאַקע באַלד,
שפּיל, אָרקעסטער, שפּילט, מוזיקאַנטן! — — —
שפּילט מיט טענער אויס אַ גוואַלד!

אַ טאָג איז געשטאָרבן

עס רעגנט; דער טאָג קוקט אויס ווי געשטאָרבן,
די גאַס האָט געמאַכט פאַר דער זון אַ לויה;
ס׳איז טונקל און כמאַרנע, אינדרויסן עס רעגנט,
באַווײנט איצט די שײַן, אונדזער ערד די געטרייע . . .

די ערד די אַלמנה, זי שטייט ווי פאַר׳חלומט,
דערשלאָגן פון אומעט, מיט טרערן פאַרווייַנטע,
די נאַכט קומט אָנטקעגן אין שוואַרצן געקליידעט,
און קלאָגט אויף דער ליכטיקער זון די באַ׳חנ׳טע.

די הײַזער זיי שטייען אַזוי ווי יתומים,
די קעפּ ווי געבויגן, פון צער דערשלאָגן . . .
עס דאַכט זיך אייך אויס אַז קדיש זיי זאָגן,
— דאָס ווינטל, עס העלפט אויך דעם טרויער צעטראָגן . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

זאָל זײַן אַז דער הײַנטיקער טאָג איז געשטאָרבן,
דער מאָרגן וועט אָבער אַ נײַעם טאָג געבן . . .
דער טאָג וועט צוריק אונדז די שטראַלן אויך שיקן,
— די גאַסן און הײַזער, זיי וועלן אויפלעבן!

מלחמה־צײַט, 1943

ביים טייכל

(ליד)

איך האָב אינם גלאַנץ
פונם טייכל געזען
ביינאַכט אינם וואַסער
אַ לבנה־געשטאַלט,
ווי טויזנטער שטערן
זיי האָבן געפינקלט,
געלויכטן אַראָפּ־צו
צו בוימער און וואַלד;

און איך בין אין טיפע
מחשבות פאַרזונקען,
און האָב פונם לעבן
געקלערט און געטראַכט:
דער מענטש וואָס לעבט שטענדיק
אין שווערן געראַנגל,
— און וואָס פאַר אַ קראַפט
האָט אים צווייפל געבראַכט?

און שטיל האָט דאָס וואַסער
פון טייכל געמורמלט;
דאָס מורמלען געווען איז
מיר שווער צו פאַרשטיין:
— צי חלומט דער טייך אויך
אַזוינע חלומות,
און קוקט אויפן הימל
ווי שטערן פאַרגיין?

די דערוואַכונג

דו ביסט אויף די טרעפּ זיך געזעסן,
און איך לעבן דיר בין געשטאַנען;
איך קאָן יענע נאַכט ניט פאַרגעסן,
איך וויל דיך נאָך איצטער דערמאַנען;

נאַאיוו ווי אַ יידישע מיידל,
וואָס ווייניק פון לעבן דערפאַרן;
און צערטלעך, און ליריש און איידל,
ניט ווימן אַז ליבע קאָן נאַרן . . .

גערעדט האָבן מיר פון סמנים,
פון מענטשן, און אַלערליי זאַכן;
געקוקט האָב איך דיר אין פּנים,
דערפילט אונדזער ליבע דערוואַכן . . .

מיר האָבן זיךביידע פאַרשטאַנען . . .
די שטאַרקייט פון ליבע געפילן;
קיין שענערס איז גאָר ניט פאַראַנען,
ווי צערטלעך אַ ליבע צו שפּילן . . .

אַ מאַמע

(„מאַדערס דעי" — מיין שוויגער־מוטער)

און גאָט האָט אין הימל
אַ שיינקייט געזוכט,
אויף דר'ערד צו באַשאַפן
אַ געטלעכע פרוכט . . .

אַ מענטשלעך וועזן,
אַ וואונדער, פון וואונדער,
אַ פרוי און אַ מאַמע —
געבוירן זאָל קינדער ;

געבענטשט איז אַ מאַמע
פון גאָט דער געשאַנק,
— רופט מען די מאַמע
אַ זיסער געטראַנק . . .

אַ מאַמע, אַ מאַמע,
אַ שיינער געפיל,
אַ געטלעכע ריינקייט
וואָס טרוימט אין דער שטיל . . .

דאָס וואָרט פרוי, און מאַמע,
צאַרטלעך און שיין,
אַזוי ווי די תורה,
— אַזוי שטענדיק ריין . . .

אַ תפילה

העלף אונדז גאָט די וועלט אַצינדערט,
איצט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט;
איצט, אין ניינצן פערציק פיר, —
לעש דאָס פייער אוים אין איר!

נעם פאַרלעש דעם פלאַקער פלאַמען
שטאַרק אונדז, ברענג אונדז איצט צוזאַמען,
גיב אונדז האָפענונג און מוט,
זאָל ניט רינען מענטשלעך בלוט!

זאָל מיין תפילה דיר דערגרייכן,
נעם באַווייז דיין וואונדער-צייכן;
זאָל דער פרידנס-האָרן שאַלן,
קיין קרבנות מער ניט פאַלן. . .

העלף די וועלט, שוין האַלב צעשטערטע,
די געשרייען, ניט-דערהערטע . . .
אַלע תפילות, ניט-דערזאָגטע,
מיליאָנען מתים ניט באַקלאָגטע . . .

העלף הונגעריקע, שוואַכע, מילדע,
די וואָס וואַנדערן ווי ווילדע;
אין טיפע נעכט, אין נאַסע, קאַלטע,
קליינע קינדער, שוואַכע, אַלטע.

— — — — — — — — — —

אָ, העלף אונדז גאָט, דערהער די תפילה,
— מיין מורמלען אין די נעכט, די שטילע . . .

1944

גאָט און מענטש

איך פרעג ניט פאַרוואָס,
צו מיר איז דאָס קלאָר
— בייטאָג מוז זיין ליכטיק
ס'איז אַ חוק פון דער נאַטור;
די לבנה — אַ שומר
ווען ס'קומט אָן די נאַכט,
דער טאָג האָט אַ היטער —
די זון זיך געבראַכט;

די נאַכט האָט אַ שאָטן
אַרום זיך געשטעלט,
און פרעגט ניט פאַרוואָס,
— אַזוי איז די וועלט;
דער מענטש האָט אַן ער,
און אויכעט, אַ זי,
אַ מאַן און אַ פרוי
פון געטלעכער מי . . .

גאָט איז צו יעדן
אינגאַנצן ניט קלאָר,
אַזוי איז דאָס לעבן,
ס'איז בלויז נאַטור? . . .
אַנדערע צווייפלען
צי גאָט איז גאָר דאָ,
— דאָס מענטשלעכע לעבן
איז פול מיט אומרו . . .

איך פרעג ניט פאַרוואָס,
מיין קלערן איז קלאָר,
אַזוי איז דאָס לעבן,
ס׳איז בלויז די נאַטור . . .
גאָט איז בלויז גאָט,
ניט קיין זי, ניט קיין ער,
און וואו ער געפינט זיך,
ווייסט קיינער ניט מער . . .

אַ חלום

ס'האָט זיך געדאַכט מיר
אַז איך בין געשלאָפֿן,
— פֿאַרשלאָפֿן, פֿאַרמאַכט מיינע אויגן,
און בין אין מחשבות,
געווען שטאַרק פֿאַרזונקען,
— געדאַנקען זיך יאָרן געצויגן . . .

ס'האָט זיך געדאַכט מיר
אַז איך בין אַ רייטער,
און אויבן אין הימל געריטן . . .
כ'האָב אָנגעגעגנט
דעם מלאך פֿון ליבע,
און האָב אים מיט טרערן געבעטן . . .

אָ, גוטינקער מלאך,
אָ, זע מיינע טרערן,
זע ווי מיין האַרץ ווערט צעריסן . . .
עס רייסט מיין נשמה
און האַלט אין איין בענקען
איך וויל פֿונם לעבן געניסן . . .

מלאך, פֿאַרלעש אין
מיין האַרצן דאָס פֿייער,
וואָס שמערצט און עס האַלט אין איין ברענען . . .
דערצייל מיר, אָ, מלאך,
די סודות פֿון לעבן
איך זאָל זין פֿון לעבן באַנעמען . . .

ס'האָט זיך דער מלאך
גאַנץ העפלעך פאַרנייגט,
און צערטלעך גענומען מיך גלעטן,
— אָט באַלד וועסטו גוטער
פון חלום אַרוים,
ליבע וועט אייביק דיך זעטן . . .

צוויי שוועסטער

איך קען צוויי אַלטע מיידן,
זיי זענען ביידע שוועסטער,
איינע — חנה-ביילקע,
די צווייטע — מלכה-אסתר.

ביידע שטאַרק קאַפּריזנע
דאָך וואוינען זיי אינאיינעם ;
האָבן פיינט בחורים
און קוקן ניט אויף קיינעם.

די עלטסטע האָט אַ קעצל,
אַ הינטל האָט די צווייטע ;
איינע איז אַ בלאָנדע,
די צווייטע איז אַ רויטע.

מיט דער קאַץ און הינטל
ביי איין טיש זיי עסן ;
— זיינען זיי קאַפּריזנע,
אַלטע, און פאַרזעסן . . .

דער מיש-מאַש

עס טומלט אין די אויערן,
עס קלאַפּט מיט טויזנט טאַצן;
דאָס לעבן פול מיט ביטערניש,
דאָס האַרץ האַלט שיעור אין פּלאַצן . . .
אַ יעדער ייד, פאַרשטייט איר דאָך,
ער מוז דעם גלות טראָגן,
אויב ניט אין פּוילן, דייטשלאַנד,
— מען מוז דאָך יידן שלאָגן . . .

פאַרצאַפּט אים בלוט דייטשלאַנד,
איז ווי קען רוסלאַנד שווייגן . . .
איז יידן דאַרף מען איבעראַל
דעם גלות-קולאַק צייגן . . .
עס טומלט אין די אויערן,
עס צופּט אַזש ביים האַרצן,
באַשערט דעם יידן פינסטערן
אין גלות לאַנגן, שוואַרצן . . .

מען רעדט פון צייטן בעסערע,
קאָלאָניעס פאַר די יידן,
קומט רוסלאַנד איצט מיט אַ פּלאַן,
צום גלות ברענגט זי פרידן,
זי זאָגט צו יעדן לאַנד, און אַלץ,
בהמות, פערד און וועגן;
שטופּט מען יידן אויפן לאַנד,
— מען דאַרף קיין קשיות פרעגן . . .

פאַראַנען יידן — ווייסט איר דאָך —
זיי קענען „גליקן״ מאַלן;
אַז וויפל לאַנד איר דאַרפט, נאַט נעמט;
מען דאַרף קיין „צינז״ ניט צאָלן . . .
טראַקטערס, ווייסט איר, גיט מען פריי
און געלט אויך פון דער קאַסע,
— איז לויפן יידן פון די שטעט,
פאַרדאַרטע, געלע, בלאַסע . . .

מען נעמט צונויף די „בעבעכעס״
מיט ווייבער און מיט קינדער,
מען מאַלט פאַר זיי, בירא־בידזשאַן,
אַ לאַנד מיט טויזנט וואונדער . . .
זשומעט אין די אויערן,
עס קלינגט מיט טויזנט גלעקלעך,
שפּייכלער פול מיט קאָרן־מעל
און ווייץ אויך פולע זעקלעך . . .

גענוג געמוטשעט זיך אין שטעט,
געלעבט פון לופט און ווינטן . . .
נאַקעטע און באָרוועסע,
קיין אבר קיין געזונטן;
אַ וועלט מיט יידן לאַרעמען,
מיר זשומעט אין די אויערן . . .
— „אַ מיש־מאַש״ רופט מען האָפענונג,
דאָס איז צום באַדויערן . . .

1928

נ י ו י אָ ר ק

אַ שטילער אָוונט,
די לבנה מיט טויזנטער שטערנדלעך
באַלייכטן ערגעץ דעם שיינעם בלויען הימל,
ערגעץ איז די לופט אַזוי אַנגענעם,
און יעדנס האַרץ אָטעמט איין די זיסקייט
פון דער וואַרעמקייט וויפיל עס גלוסט . . .
אָבער דאָ אין ניו יאָרק, די גרויסע, הויכע
מויערן שטייען ווי פאַרטראַכטע,
ווי זיי וואָלט קיין זאַך ניט געקימערט,
ווי אָפּגעלעבטע אַלטע צעבראָכענע מצבות,
ווי פאַרגעסענע פון דער גאַנצער וועלט . . .

ביינאַכט אין ניו יאָרק,
די גרויסע וועלט־שטאָט וועלכע איז געוואוינט
צום רויש און טומל, איז עפּעס ווי אָפּגעלעבט . . .
און דאָך ווילט זיך ניט פאַרגעסן די נאַכט,
עס ווילט זיך אַז אָט אָ די נאַכט זאָל פאַרבלייבן
טיף אין מיין זכרון, פריש און לעבעדיק . . .
ניו יאָרק שלאָפט, ניו יאָרק טרוימט און חלומט
אינמיטן אין דער נאַכט;
אָט אָט אָט,
וועט דער ווייסער העלער טאָג זיך צוריקקערן
מיט די אַלט באַקאַנטע,
מיט אַלט צוגעגעסענע,
מיט אַלט פאַרפייניקטע,
רוישיקע,
טעגלעכע קולות . . .

זשומעריי,
לויפעריי,
קלאַפּעריי,
פון די פריידיקע,
פון די אומעטיקע,
שטאַרקע,
און שוואַכע,
פאַרמאַטערטע,
הילפלאָזע ניו יאָרקער . . .

— און ווען עס טאָגט,
ווען עס ווערט שוין ליכטיק,
הערט מען די שווערע וועגענער,
די אָנגעלאָדענע מיט שווערע משא
ווי זיי קלאַפּן מיט אַ קרעכץ . . .
עס הילכט, עס רוישט, הויך, הויך!

און ווען די מענטשן נעמען זיך אַרויסרוקן
פון די פאַרטראַכטע טויערן,
זיינען זיי ווי פאַרשלאָפענע,
גענעצנדיקע, און עפּעס מיט אַן אימפּעטיק לויפן,
מורא האָבנדיק, אַז זיי וועלן עפּעס פאַרשפּעטיקן . . .
אַלע מינוט,
כמעט יעדער רגע,
לויפן אַלץ מער מענטשן, לויפן, לויפן, און לויפן . . .

אינמיטן טאָג,
די הייסע זון לויפט,
און וואַרעמט אין ניו יאָרק,
דער הימל דורכגעלייטערט,
ס׳איז היים . . .
די וואַרעמקייט,
די היץ,
דער שווערער אָטעם,
דער רויש,
אַלץ איז שטאַרקער,

אלץ ווערט העכער,
מענטשן ווערן צוגעוואוינט צו אזא מין לעבן,
— אָבער ביי מיר,
אַך, ווי טרויעריק דאָס קוקט אוים
אין מיינע אויגן . . .

פּאָרטלאַנד

פּאָרטלאנד; דאָס שיינע און גוטע, וואָס אין דיר,
איז פאַרבליבן זינט יאָרן, אין הארצן ביי מיר;
די שטאָט פון די בלומען, די זומערס ביינאַכט,
דער שנייאיקער באַרג, „מאַונט-הוד" וואָס פאַרטראַכט;
קוקט אויף „מאַונט-טייבור" ווי אַ שומר וואָס היט,
אַז זומער בייטאָג, ווען די זון זיך צעגליט
זאָל אויבן דער ווייסינקער שניי ניט צעגיין,
ס'זאָל בלייבן ווי ווינטער, דער גלאַנץ אירער שיין;
אַזוי קוק איך אויף פּאָרטלאַנד, און זע זיך אויף פריר
וואו איך האָב מיין יוגנט, געלייטערט אין דיר . . .
פּאָרטלאַנד, איך האָב דיך נאָך איצטער אויך ליב,
די היימישע פריינטשאַפט, ביי יעדן אין שטוב . . .
אפילו דעם שטענדיקן רעגן וואָס גיסט . . .
די בלומען וואָס יעדער טרעט ווי אויף מיסט . . .
ווען כמאַרעס פאַרגייען, די זון קומט אַרויס,
איז פּונקט ווי אַ מוטער, וואָס נעמט אינם שויס,
די קינדער, און שפּילט זיך, און מאַכט זיי באַקוועם . . .
אָ, פּאָרטלאַנד, איך ליב דיך, דערפאַר און פאַר דעם;
כאָטש ס'איז אין דיין יידישער גאַס אַזוי שטיל . . .
דאָס לעבן אַזוי ווי ביי קינדער אַ שפּיל . . .
און קליין איז דיין יידישע גאַס, ס'איז לער . . .
דער יידישער גלות, פאַר קיינעם ניט שווער . . .
מיט גוטסקייט און ליבשאַפט, פאַרדינסטו דיין לוין,
— אַזוי ווי אַ קעניג, נאַטור — פּאַסט דיר אַ קרוין . . .

פרילינג און האַרבסט

פ ר י ל י נ ג

שיינע און ליכטיקע טעג,
איר פון פרילינג,
איר ברענגט אינם מענטשן
די ליכטיקע שיין;
עס קומט אייך
אַ שלום-עליכם אַצינדערט,
— זאָל פרילינג און ליכטיקייט
אומעטום זיין . . .

צעעפנט אין פרילינג
די טירן און פענסטער;
זאָל אין יעטווידער צימער
דער פרילינג אַריין,
זאָל יעדערער אָטעמען
די לופט אָט די זיסע,
זאָל פרילינג אין שטוב —
ווי אין גאַס אויכעט זיין!

ווייל פרילינג איז לעבן,
און לעבן איז זומער,
די טעג זענען גרויסע
און קלענער די נעכט,
אויף דעכער און ביימער
די פייגעלעך פיסטשען,
— אין אָוונט די שטערן
דעם מענטשן באַוואַכט . . .

פרילינג פון לעבן —
יוגנט די שענסטע,
בלייבסט אינם מענטשן
אויף יאָרן פאַרפלאַנצט ;
און קומען די האַרבסטיקע טעג
פול מיט צווייפל,
דאַן שטייט מען פאַרטראַכט
און מיט אויגן פאַרגלאַנצט . . .

מ אַ י

ווידער קומט אַ נייער פרילינג,
ווידער קומט דער חודש מאַי,
ווידער פריילעך און מחיה —
ווידער אַלץ וועט זיין פאַרביי . . .

וואו דער נעכטן אויך דער מאָרגן,
און עס לויפן טעג פאַרביי;
ווידער האָפענונג אויף עפּעס . . .
ווען עס קומט דער חודש מאַי;

עס לויפט דער היינט, עס לויפט דער מאָרגן,
— ס'לויפן יאָרן סיי ווי סיי . . .
ביז עס רוקט זיך אָן די עלטער,
און די יוגנט לויפט פאַרביי;

קומט אַ שיינער, נייער פרילינג,
און אַ יונגער חודש מאַי,
און עס קומען נייע דורות —
לויפט דער אַלטער דור פאַרביי . . .

טעג פון יוני

יוני טעג, איר ווארעמע,
זומער שוין דא,
זון שטראלן ליכטיקע
קומען אלץ צו;

נעכט, שטיל, פאר׳חלומטע,
יונגט מיט פרייד,
אומעטום יום-טוב׳דיק
גרין אויסגעקליידט;

יוני טעג, איר לויטערע,
זומערדיק פריש,
זון-שטראלן שפריצנדע
שיקן אונדז א קוש . . .

ווייס ווי די טייבעלעך
לויטערע טעג,
יונגינקע בוימעלעך
וואקסן ביים וועג . . .

צעבלעטערטע בלומען
צעבליט אומעטום;
יוני טעג, איר הארציקע
פול מיט פערפיום . . .

יוני טעג, איר ווארעמע,
זומער איז דא,
באגריסן מיר פריידיק
— מיט „ברוך-הבא״!

אויס זומער

אָ, פריילעכער זומער,
דו גייסט שוין אוועק,
און אונטער די בערג דאָרט
שטייט האַרבסט שוין מיט שרעק.

אָ, פריילעכער זומער,
טון וועט מיר באַנג —
די טעג דיינע שיינע,
פון גאָט דער געשאַנק . . .

נאָך דיר וועט זיך בענקען
דורך ווינטערדיקע נעכט,
נאָך אַלץ וואָס געבליט האָט
מיט לעבן געפּעכט . . .

נאָך בליענדע בוימער,
נאָך פויגל-געזאַנג,
נאָך עכאָס אין וועלדער
פון רויש און פון קלאַנג.

אָ, פריילעכער זומער,
דו ביסט דאָך דער העלד
פון אַלץ וואָס עס וואַקסט
אין גאָרטן, אין פעלד.

מיט זאַפטיקע פּירות
און אַלץ וואָס מיט זאַפט,
די לופט אָט די זיסע
פאַר אַלעמען קראַפט . . .

װען זומער פֿאַרגייט
קומען האַרבסטיקע טעג,
פֿאַרכמאַרעטע הימלען
פֿאַרשטעלן דעם װעג . . .

די הימלען פֿאַרטונקלט,
פֿאַרשטעלט װערט די שײַן,
װי ערגעץ אין תּהום
פֿאַלט הימל אַרײַן!

צו װעמען ס׳האָט זומער
מיט ליבשאַפֿט געקװעלט,,
קומט האַרבסט סוף זומער
און פֿרײד זי פֿאַרשטעלט . . .

די בײמער פֿאַרטרוקנט,
די גראָזן פֿאַרברענט,
אין הײזער הערשט אומעט
— מיט פֿײַכטקײט די װענט! . . .

אַ פרילינג סוף זומער

איך וועל אין גאָרטן אין מיינעם פאַרפלאַנצן
אַ פרילינג סוף-זומער,
ווען האַלב-געלע בלעטער וואָס ליגן פאַרפוילטע
פאַרוויאַלעטע אויף אימער . . .
און אַלע צעריבענע בלעטער פון בלומען, די פון ווינטן
און קעלטן, צווייגן צעדריקטע —
סוף-זומער, ווען ס'וועלן די כמאַרעס מיט כעס ניט
אָטעמען לאָזן, דורך לופט פאַרשטיקטע;
דאַמאָלס! דאַמאָלס וועל איך מיט מיינעם אַ בליק אַזאַ שאַרפן
ניט לאָזן די ערד זאָל פאַרטונקלען,
איך וועל רייסן פון הימל די זון צו דער ערד, ווי אין
פרילינג, מיט ליכטיקע שטראַלן;
איך וועל פלאַנצן אין גאָרטן אין מיינעם אַזאַ מין פרילינג
סוף-זומער, אַזוי ס'זאָל שאַלן;
יאָ, סוף-זומער, אין האַרבסט, ווען די ערד וועט פון טוי
ביסלעכווייז אָנהויבן נעצן —
וועל איך אין גאָרטן אין מיינעם צווישן בליענדע בלומען
אַ שטילער זיך זעצן,
און איינאָטעמען פרילינג סוף-זומער, און וועל רייצן
דעם האַרבסט מיט פרישע און זאַפטיקע בלומען;
— פאַרטרייבן וועל איך דעם נעבל, דעם גרויען,
ער זאָל אין מיין גאָרטן ניט וואַגן צו קומען . . .

— — — — — — — — — — — — —

איך וועל אין גאָרטן אין מיינעם, פאַרפלאַנצן
אַ פרילינג סוף-זומער,
ווען בלעטער און בלומען וועלן ליגן פאַרוויאַלעט, צעריבן,
אויף אייביק, אין קומער — — —

האַרבסט

קאַלט און כמאַרנע אויפן האַרצן,
שרעק און אומעט, בייזע טעג,
אַלעם ווערט ווי אָפּגעשטאָרבן,
איינזאַם, פינצטער, בלייבט דער וועג;

אַנגעוואָלקנס איז דער הימל,
טונקל פינצטער אויף דער גאַס . . .
יענער שיינער בלאָער הימל,
קוקט אַרונטער איצט מיט כעס . . .

וויסט און ליידיק זענען פעלדער,
בייזע ווינטן רוישן דאָרט,
נאַקעט שטייען אַלע בוימער,
אומעט הערשט אויף יעדן אָרט;

און אַ בייזע מרה־שחורה,
פילט זיך טיף אַצינד אין האַרצן,
יעדן האַרבסט ווען נאָר די בוימער,
הויבן אָן שוין ווידער קרעכצן,

ווען די זומער פויגל לידער,
ווערן איינציקווייז פאַרשוואונדן,
ווערט ביי יעדן טיף אין האַרצן,
ווי אַ פייער אָנגעצונדן . . .

אימת מות, שרעק און פחד;
איינזאַמקייט, אין שווערן טרויער,
ווערט פאַרוויקלט איצט דאָס לעבן
אינם מאַנטל פון באַדויער . . .

קאַליפאָרניע

דאָ שיינט די זון כסדר
אויף אַלע ווייטע פעלדער,
שטראַלן פאַלן אומעטום
אויף סעדער, און אויף וועלדער;

פאַלמען-ביימער אומעטום,
לימענעס ,מאַראַנצן;
פרילינג דאָ דאָס גאַנצע יאָר
בלומען-קוסטן, קראַנצן . . .

קומען פייגל מחנות-ווייז,
פון אַ לאַנד אַ קאַלטן;
פליען פריילעכע אַרום,
אין נעסטן ניט באַהאַלטן . . .

פליען פריילעכע אַרום
אַלץ צום הימל העכער,
איבערביימער הויכע,
איבער הייזער, דעכער . . .

לאַנדשאַפטן מיט וויינטרויבן,
אויסגעשטעלט ווי „פאַלקן",
די זון שיינט דאָ אומעטום,
זעלטן ווען אַ וואָלקן . . .

בלומען וואַקסן שטענדיק דאָ,
ערגעץ ווייט איז ווינטער;
דאָ איז פריילעך, דאָ איז שיין;
זומערדיק, געזונטער!

לאָס אַנגעלעס

לאָס אַנגעלעס, די שטאָט פון מלאכים,
מיט גאַסן גאַנץ ברייטע און ריינע,
די זון לאָזט אַראָפּרינען שטראַלן
און פינקלען אין טויזנטע קליינע . . .

לאָס אַנגעלעס, די שטאָט פול מיט פריידן,
מיט פּאַלמען און קוסטן מיט בלומען;
די טעג דיינע לויטערע שיינע —
אַזוי שיין ווי עס קלינגט אויך דיין נאָמען.

צו דיר איז מיין ליד מיט נשמה,
מיט לידער ביסטו איינגעטונקען . . .
ס'בליט יעדער בוימל און בלעטל,
יעדער שטאָם טיף אין אָפּגרונט פאַרזונקען.

דו ביסט דער שיר-השירים פון שטעט,
געזאַנג פון אַלע געזאַנגען;
און פול מיט זאַפט דיין שוואַרצע ערד,
באַפרידיקט יעדנס פאַרלאַנגען . . .

די טעג דיינע ווייסע ווי זילבער,
די נעכט דיינע טרוימעריש שטיל,
דיין ווינטעלע קילט אַזוי גלאַטיק
ווי סאַמעט דעם מענטשנס געפיל . . .

געבענטשט זאָלסטו זיין און פאַרבלייבן,
אויף אייביק מיט צויבערנעם חן;
דיין ערד, דיינע בערג און די טאָלן —
אַ געשאַנק פון גאָט בלויז אַליין!

פון פרעמדע שפּראַכן

ב ו י מ ע ר

פון ד. קילמער

(יידיש: ב. באטשעליס)

איך צווייפל צי וועל איך זען קוים,
אַ ליד אַזוי ליבלעך, אַזוי שיין ווי אַ בוים;

אַ בוים וואָס איז קרעפטיק, מיט לעבנס לוסט,
וואָס זויגט איין די זיסקייט פון ערדס ברוסט;

אַ בוים וואָס קוקט צו גאָט בייטאָג,
און בעט מיט אַ תפילה, נישט מיט קלאָג;

אַ בוים וואָס בלעטערט זומער בלויז
אַ נעסט פאַר פויגל, ווי אין אַ הויז;

אויף וועמענס בוזעם, דער שניי ווינטער ליגט
און בליט פון רעגנס, ווען ווינט וויגט;

— און איך שאַף לידער, אַ נאַר, אַ שפּאָט,
די ביימער אָבער, זיי מאַכט גאָט.

1926

גערדרוקט אין דער „פ. אַ. ש.״

אָ קאַפּיטאַן! מײַן קאַפּיטאַן!

פון וואָלט וויטמאַן

אָ קאַפּיטאַן! מײַן קאַפּיטאַן! אונדזער שרעקלעכע רײַזע ז'פאַראיבער,
די שיף האָט פאַרטראָגן אַ יעטווידן שטורם, און אַלץ איז געוואונען
מײַן ליבער,
צום ברעג איז שוין נאָענט, איך הער שוין דאָס קלינגען, די
מאַנשאַפט און פרייד,
באַטראַכטן די שיף מיט איר שטאַרקייט פון לייד . . .

נאָר אָ הארץ מײַנס! האַרץ מײַנס!
די טראָפּנס פון בלוט זײַנען רויט,
אויפן דעק פון שיף ליגט דער קאַפּיטאַן
געפאַלן אַ קאַלטער, און טויט.

אָ קאַפּיטאַן! מײַן קאַפּיטאַן! שטיי אויף און הער פון גלאָק דעם קלאַנג;
שטיי אויף! צוליב דיר פלאַטערט די פאָן, פאַר דיר דער
האָרן בלאָז-געזאַנג,
פאַר דיר זײַנען בלומען מיט זײַדנס באַצירט, ביים ברעג אָנגעגרייט,
די מאַסן מיט מענטשן זיי רופן בלויז דיר, די פנימער טרויער פאַרשפּרייט:

אָט אַ דאָ, אָ קאַפּיטאַן! טײַערער פאָטער!
שפּאַר אָן דײַן קאָפּ; מײַן האַנט אין דײַן נויט,
ס'איז ווי אַ חלום, אויפן דעק פון שיף
ביסטו געפאַלן, קאַלט שוין און טויט.

מײַן קאַפּיטאַן ענטפערט ניט, זײַנע ליפּן פאַרזיגלט און שטיל,
מײַן פאָטער פילט ניט מײַן אָרם, דער פונק פון לעבן שוין קיל;
די שיף איז געאַנקערט, די רײַזע פאַרענדיקט, אַלץ פאַרטיק און אויס,
די שרעקלעכע רײַזע, די העלדישע שיף קומט אַ שטאָלצע און גרויס:

טרומפּירט איר ברעגן, קלינגט איר גלעקער,
נאָר איך מיט באַדויערונגס נויט
שפּאַן דעם דעק, מײַן קאַפּיטאַן ליגט
אַ געפאַלענער, קאַלט שוין און טויט . . .

אויב

רודיאַרד קיפּלינג

אידיש: ב. באַטשעלים

אויב דו קאָנסט האַלטן דיין קאָפּ, אין דער הויך, ווען אַנדערע נאָר
פאַרלירן זייערע, און וואַרפן די שולד אויף דיר גאָר;
אויב דו גלויבסט אין זיך, ווען אַלע פאַרלאָזן דיך שטיל,
און מאַכסט די מענטשן אין דיר ניט צווייפלען פיל;
אויב דו קאָנסט וואַרטן, און ניט זיין פאַרצווייפלט, ניין,
ווען אַנדערע זאָגן ליגן, נאָר ניט דו אַליין;
אויב זיין ווערסטו פאַרהאַסט, און דאָך קיינעם ניט האַסן,
און זיין מילד, און ריידן קלוג צו די מאַסן;

אויב דו קאָנסט חלום'ען, און ניט גלויבן אין חלומות־גאַנג,
אויב דו קאָנסט דענקען, און ניט מאַכן פון געפיל, פאַרלאַנג . . .
אויב דו קאָנסט דיין צער אַ שטאָלצער אַריבערטראָגן,
און בלייבן מילד, און צו אַלעמען אַ גוט וואָרט זאָגן,
אויב דו קאָנסט דעם אמת גלייך אין די אויגן קוקן,
און נאַראָנים, שלעכטע מענטשן, אין אַ זייט פאַררוקן . . .
און אָפּהיטן, דאָס וואָס דאָס לעבן האָט פאַרשפּראָכן,
און בויען אויפסניי, דאָס וואָס ווערט צעבראָכן . . .

אויב דו קאָנסט מיט איין מאָל איינשטעלן אַלעס,
דיין גאַנץ פאַרמעגן, און ניט פרעגן קיין שאלות,
און פאַרלירן, און אָנפאַנגען ווידער אויפסניי,
און ניט באַדויערן וואָס ס'איז שוין פאַרביי . . .
אויב דו קאָנסט מיט האַרץ, און פול מיט מוט,
טאָן אַלסדינג, וואָס איז שיין און וואָס גוט,
זיך באַהערשן, און דיין שטאָלץ ניט בויגן,
ניט נאָכגעבן דיין פאַרלאַנג, מיט אָפענע אויגן;

אויב דו קאָנסט ריידן צו מענטשן מיט שיינע מאַנירן,
און שפּאַצירן מיט קעניגע, און זיך ניט פאַרלירן;
אויב פריינט, צי שונאים, ווען דיר טאָן וויי,
אויב דו ביסט איידעלער און קלוגער פון זיי;
אויב דו קאָנסט צו יעדער מינוט פריי פאַרגעבן,
יעדע סעקונדע, וואָס ס׳איז אין אַ מינוט פאַרבליבן,
די וועלט וועט זיין דיינע, וועסט אַלץ קאָנען טאָן,
און נאָך מער — דו וועסט זיין אַ מאַן, מיין זון . . .

(געדרוקט עטלעכע טעג
נאָך ר. קיפּלינגס טויט)

אַ ת פ י ל ה

פון עדווין מאַרקהאַם

לערן גאָט מיך ווי צו גיין,
ווי די גראָזן וואַקסן שיין;
שטאַרק מיך פון אַ יעדן שטוים,
פון אַ וועלט וואָס איז ברוטאַל און גרוים;
שטאַרק מיין גייסט און גיב מיר מוט,
ווי אַ בלום, שיין און גוט;
זאָל מיין ליידיק האַרץ זיין פול,
און דאָס קלאַפּן פּינקטלעך שטיל;
און מיין לעבנס בליק אַרויף,
זאָל ניט קוקן צו דעם סוף . . .
זאָל דאָס האַרץ מיינס זיין מיט פרייד,
און דאָס לעבן אָן שום לייד!

לערן גאָט מיך ווי צו גיין,
ווי אַ בוים, שטאָלץ און פיין;
פריילעך, מוטיק אָן שום פּלאָג,
אונטער שאָטנס בוים ביי טאָג:
וואו עס בלאָזט דאָס ווינטל קיל,
איך זאָל רוען אין דער שטיל;
— לאָז מיך פילן פרייד פון אָרט
אין אַ שיינעם גאָרטן דאָרט;
דער נשמה׳ס אָרט פון רו,
וואו קיין בעסערס איז נישטאָ.

צ אַ נ ק ע נ ד י ק ע ל י כ ט

פון עדווין מאַרקהאַם

איך געדענק פון אַמאָל, ווען די וועלט איז געווען יונג,
דער פריילעכער פלוידער פונם גלאַטיקן צונג,
דער פויגל אין ווייץ פעלד מיט זיין זיסן געזאַנג,
זיין פריידיקן פישטשען מיט האַרמאָנישן קלאַנג;
אויך די שטויביקע ווינטן מיט זאַמד וואָס צעשטערן
און ווי זיי פאַרשוועבן ווי פאַרלאָשענע שטערן;
די יוגנט געווען איז, מיט רויש, איך פאַרשטיי,
מיט ליכטיקע שטראַלן פון אויגן בלויז צוויי . . .

כ'האָב געגראָבן, געאַקערט פון פעלדער די ערד,
געפילט אויך פון רעגנס די פייכטקייט וואָס מערט,
נאָר אוים! שוין פאַרשוואונדן, די צייט דאָס באַווייזט
דעם טרוים פון די דורות אַריבערגעשפּרייזט;
צעשמעטערט געוואָרן דער טרוים פון אַלסדינג,
עס האָט מיך פאַרטראָגן פון הויזליכן קלונג . . .
געבראַכט מיך צו צווייפל מיין אייגענע באָרד,
דער טרוים פון די דורות וואָס אַלטקייט בלויז שפּאָרט.
— די שיינקייט פאַרשוואונדן פון פעלדער מיט קאָרן,
פאַרטויבט און פאַרשטומט איז דער הילך פונם האָרן,
און אַלעם אַצינדערט מיר פרעמד איז און גרוי,
איך פיל שוין די פייכטקייט פון האַרבסטיקן טוי . . .

איך הער שוין איצט מער ניט דעם פויגלס געזאַנג,
פאַרשטומט איז געוואָרן פון ליד יענער קלאַנג . . .
ס'איז עפּעס פאַרשוואונדן פון הויז יעדע פרייד,
פון בערג און פון טאָלן דערפילט זיך די לייד . .

עס האַלט איין מיין אָטעם, פון לעבן די נויט,
אַ פינסטערע טיפקייט ביז ביטערן טויט . . .

— — — — — — — — — — — —

זכרונות פון יוגנט, דער רוישיקער שפּאַן,
— אַ נשמה פאַרלעשט זיך, און באַלד ניט פאַראַן . . .
שטאַרבט אָפּ די יוגנט, די ענדע קומט באַלד,
עס טרייבט אונדז דער ווינט בלויז, צום אָפּגרונט און שאַלט . . .

אַ רעגנדיקער טאָג

פון הענרי וו. לאָנגפעלאָו

דער טאָג איז קאַלט. נעבלדיקע כמאַרעס שאַלן.
עס רעגנט, און דער ווינט ווערט גאָר ניט מיד:
די שטאַרקע וואַנט ווערט ווערטלאָז און צעפאַלן,
מיט יעדן בלאָז בלעטער טויטע פאַלן מיד.

און דער טאָג איז טונקל, קאַלט און כמורנע . . .

מיין לעבן אין קאַלט און טונקלע כמאַרעס ווייען . . .
עס רעגנט און דער ווינט ווערט גאָר ניט מיד:
ווערטלאָז זיינען מיינע גאַדאַנקען, און פאַרגייען,
די האָפענונג פון יוגנט שטילט דאָס רוישיק גליד.

און די טעג בלייבן נעבלדיק און כמאַרנע . . .

שווייג שטיל מיין האַרץ: גענוג דיר שוין צו נאָגן.
אונטער די כמאַרעס שיינט די זון, ס'וועט טאָגן:
דיין שיקזאַל איז דערזעלבער פון מענטשן קוואַלן.
אין יעדנס לעבן וועט אַ רעגן פאַלן . . .

און אויך אַ טאָג וואָס וועט זיין וויסט און פינסטער . . .

די בויער

פון הענרי וו. לאָנגפעלאָו

מענטשן וועלכע קאָנען בויען, קומען פונם שיקזאַל אַרוים,
זיי אַרבעטן די ווענט פון דער צייט מיטן לאַם...
ניט בלויז די וועלכע אַרבעטן מיטן שוויים זיינען גרוים,
אפילו אויך די וועלכע באַזינגען מיטן פערז און גראַם!

ניט פאַראַן פאַרן שאַפנדן אַזאַ זאַך וואָס איז קליין,
— ניט יעדער זאַך וואָס מען שאַפט האָט שיינקייט דערצו...
דער אָבער וועלכער שאַפט ניט, דאָס איז ניט בלויז ניט שיין,
נאָר פאַרלאָרענע קראַפט, צעשטערט אָפט דעם מענטשנס רו.

יעדער מענטש דאַרף בויען עפּעס אַזאַ בנין אַ העכטן,
די צייט, און דאָס לעבן פאַרלאַנגט דאָס אַזוי,
ווייל אונדזערע היינטן, זיי קומען פון נעכטן,
דאָס זיינען ציגל פונם מענטשנס געבוי!

יעדער מענטש מוז עפּעס דאָך בויען, עס בויט דאָך די שפּין...
דאָס לעבן מוז גיין זיך, אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן;
געבענטשט איז דער וועלכער פאַרשטייט אָט אַ דעם זין,
אויב ער שאַפט ניט פאַר זיך, איז פאַר אים גאָרניט פאַראַן...

פון אייביקע דורות איז קונסט די הויפּט זאַך,
קונסט שאַפט זיך פון אינערלעכן קוואַל;
דער באַשאַפער מוז אויך קלערן אַ סך,
ווייל וואָס יעדער שאַפט, ווערט באַטראַכט איבעראַל.

אַרבעט ווערט געקרוינט, אפילו ווען אין פּיין,
וואָס מען שאַפט מיטן שוויים, איז דאָס באַגריפענע;
דער וועלכער בויעט אַ הויז, מוז געטלעך זיין,
אַליין געבויעט הויז איז פון גאָט דאָס באַרופענע...

פאַרן פוילן, אַלץ איז פאַר אים ניט שיין, אַלץ איז מיאוס,
ער פאַרלאָזט זיך אויף דער צייט, די צייט איז אַ רעטערן,
— צעבראָכן זיינען די טרעפּ פון אונטער זיינע פיס . . .
ווייל אים איז שווער אַרויף צו קלעטערן . . .

דער וועלכער בויעט היינט איז שטאַרק און זיכער,
עס דאַרף זיין פון מענטשנס לעבן דער פונדאַמענט,
ווייל ווען מען ווערט עלטער, לויפט ס'לעבן אויף גיכער,
צו אייך די יוגנט, איז דער קומענדיקער מאָרגן געווענדט.

ווייל בויענדיק קאָן אַ מענטש צו אַלעם דערגרייכן,
צו אַלע הויכע הויכן, ניט בלויז דורך אַ דרימל,
דאָס איז פאַר דעם לעבן, אונדזער אמת'ער צייכן,
ווי דער שיינער און בלויער און געטלעכער הימל.

דער גײַסט פֿון פּאָעזיע

פֿון הענרי וו. לאָנגפֿעלאָו

ס'איז אַ שטילע געטלעכקײט אין די װעלדער,
אַלעס ציטערט װען די שטילע גלאַטע װינטעלעך בלאָזן פֿון מערב,
די אָפּגעשײלטע גראָבע קאָרע פֿון בוימער ליגן צעװאָרפֿענע,
טויזנטע װילדע בלומען װאַקסן זיך װילד פֿון די װײכע לופֿט־קושן,
די האַלב גרינע בלעטער, האַלב פֿוילע געלע, װערן באַשפּריצט פֿון דער זון,
און אַלעס אין װאַלד איז אַזוי שטיל, נאָך שטילער פֿון דער
פּאָעטישער לײדנשאַפֿט;

די זיסקײט פֿונם טיפֿן װאַלד טראָגט אונטער דעם מענטשן שײנע געפֿילן,
געדאַנקען צום טות, און װען די געדאַנקען קומען אָן, איז דאָס רױשיק
װי אַ שטערן װעלכער פֿאַלט אַרונטער פֿונם הימל מיט אַ שטראַל־פֿונק,
די שײנקײט פֿון טיפֿן װאַלד װען דאָס רױשיק װינטל ברענגט די זון
יעדן פֿרימאָרגן,
װערן די גראָזן בױגיק און פֿאַלן צום טויער פֿון מזרח און צעטײלט
אַלע שװײַגנדיקע שטילקײטן,
דאַמאָלס קומט די געטלעכקײט מיט גײַסט פֿון טיפֿע טאָלן;

און פֿון די טאָלן װי דאָס װאַסער לױפֿט און רױשט שטיל
מיט געטלעכער קראַפֿט,
שלינגט ערגיץ װײַט אַ טײַכל אײַן דאָס פֿרישע װאַסער,
— דאָס װאַסער װאָס האָט זיך אַזוי פֿיל מאָל אָנגעקלאַפּט אין די
ערד שטײנדלעך
און געלאָפֿן דורך דינע אָדערלעך, ערד־שטרעקעס, װײַט,
מיט געזאַנג און געלעכטער,
און די װאַסערדיקע פֿרײלעכקײט קלינגט אָפּ אויף די דערבײַיאיקע
הױכע בערג,

און צוריק צו די פיס פון די בערג, וואו עס ציט זיך דאָס
וואַסער־שטראָם רויש,
ווייל טיף אין די טאָלן ווערן די פוסבערג געשווינקט פון די וואַסערן
און שלאָגט אַרויף הויך צוריק דאָס קילע געזאַנג־גלאַטיק ווייך ווינטעלע
און פון די בערג, אַלץ העכער און העכער צו די הימלען . . .

צייטנווייז די צוריקגעהאַלטנקייט און שטילקייטן פונם גרויסן וואַלד
מיט די נאָענטקייטן פון דער נאַטור טיילט אָפּט אָפּ דעם מענטשנס
געדאַנק פון דער ערד,
און ווען די זון ברעכט דורך די געדיכטע וואַלד־ביימער,
צעמישט זיך די זיסע לופט,
און באַרירט אַלעס וואָס גרינט און בליט, און טריקנט האַלב טויטע צווייגן,
הילט איין מיט שטילקייט און ליבע אויך די שאָטנס וועלכע זיינען
שטיל און מילד,
און אַלעס איז אַזוי שיין, אַזוי גוט, אַזוי ליבלעך און האַרמאָניש . . .

אפילו די האַלב פאַרפוילטע קלעצער ברענגען שטימונגען ווי
דער גלאַנץ פון דער זון;
די בלומען, די בלעטער, די ביימער, זיי פרעגן ניט קיין פראַגן, ניין!
צו וואָס גאָר פרעגן פראַגן? צו וועמען, צום הימל? צו די
זילבערנע וואָלקנס?
און צו וואָס גאָר פרעגן פראַגן? צו שטילע ווינטן און די
אַרומיקע לאַנדשאַפטן?
ווען די הימלשע זון קומט נאָר אָן, שמייכלט דער וואַלד מיט גייסט,
קיינער פרעגט ניט דעם שטאַם פון וואַלד, די קאָרע פון די ביימער,
ווי אַזוי די שיינע און ליכט־וואַרפנדע זון קומט אַרויס, און
וואוהין זי פאַרגייט . . .
און אויך ניט ווי אַזוי דורך די שפּאַלטן פון די ביימער דרינגט די
זון אַריין און לייכט . . .
און די בערג מיט די קליינע בערגלעך וועלכע ווערן פון שטיינער צעדריקט,
קיינער פרעגט ניט פאַרוואָס, און צוליב וואָס די גרינע גראָזן פוילן.

און די אַלע שטימונגען ווידערהאָלן די אַלטע פּאָעטישע לעגענדן
פון די ווינטן,
אָט אַזעלכע געטלעכע און זיסע פּאָעטישע געפילן דערפילט מען אין וואַלד,

מען דערפילט די וועלט, די פאַרפאַלענע טעג פון דער יוגנט און
פונם גאַנצן לעבן :
ווייל בלויז אין אַ וואַלד דערפילט זיך די אמת׳ע שטרעבונג
דאָס נאַטירלעכקייט אינם מענטשנס געפיל, ווי אַ פלוצלונגער
שטראַל פון ליכט
שיינט אַרוים אַ דין ליכטעלע און פאַרמירט אַזוי געטלעכע
געשעענישן און צאַרטקייטן ;

פאַרגעטערן מיר דען ניט אַ חלום פון אַזעלכע געשעענישן און זאַכן ?
עפּעס אַזאַ מין זיסע זאַפטיקייט טוליעט זיך צו צו אייך און מאַכט
אייך פילן אַזוי גוט :
און ווען די זון זעצט זיך, פאַרמאַכט דער פויגל די אויגן, שטילט
איין די פליגל,
ווערט אַלעס געטלעך, געטלעך ווערט דער בלאָער הימל, די
לופט ווערט ריין,
און ווי ליפּן מיט ראָזעווער רויטקייט ווערט דער הימל ווען
די זון זעצט זיך,
דאָס איינאָטעמען די ריינע לופט מאַכט זיסער דאָס לעבן,
אָט אַזוי קומט אָן דער זומער מיט חן און באַגריסט די וואַלד-בוימער ;

און ביינאַכט קומט אָן דער נאַכטיגאַל און מאַכט אַלעס שעמעוודיק
ווי צווייַ באַקן וואָס רויטלען זיך, אַזוי רויטלט זיך דער וואַלד, די
בוימער פון זומער,
און מיט אַזאַ אייביקער שיינקייט ווערט אַלעס באַצירט אַרום און
אַרום דעם וואַלד,
דאָס האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט פרייד און מיט לופט פונם
ערדישן פרילינג ;
און פון דעם מאָרגן-טוי צעבליען זיך די וואַלד-בלומען אין
אַלערליי קאָלירן,
די בלומען צעעפענען זייערע פאַרמאַכטע מיילער און לאָזן אַרוים
דעם זיסן פּערפיום,
און שיין און רייך איז די מוזיק פונם זומערדיקן וואַלד-פויגל,
עס הערשט אַ שטילע בענקשאַפט מיט ליידנשאַפט צו עפּעס הימלישעס,
פון אַזאַ מין גייסט אינם וואַלד, דאָס איז דער גייסט פון פּאָעזיע.

די יאָגנדיקע וואָלקנס

פון הענרי וו. לאָנגפעלאָו

כמאַרנע און פינסטער ביסטו, אַ האַר פון די מעכטיקע אַטאַוואַהאַוום,
נעבלדיק און פינסטער, ווי די לויפנדע כמאַרעס וועמענס נאָמען
דו האָסט אָנגענומען!

איינגעוויקלט אין דיינע תכריכים זע איך דיין שטאָם דורך די שטעט,
ענגע און באַזוצטע גאַסן, ווי אַמאָל ביי די לאַנגע שטרעקעס פון
ציענדע טייכן,

ווי שטאַמען פון אומבאַקאַנטע פויגלן, וועלכע האָבן פאַר אונדז געלאָזן
בלויז סימנים פון פוס-טריט;

און וואָס נאָך וועט אין עטלעכע יאָר אַרום בלייבן פון דיין ראַסע, חוץ
סימנים פון דיינע פוס-טריט? . . .

זאָג ווי אַזוי קענסטו אַרומוואַנדערן אין די גאַסן וואו ס'זענען צעטראָטן
די גרינע שפּראָצונגען פון די פּריירים?

ווי אַזוי קענסטו אָטעמען די לופט, ווען די זיסע לופט איז שוין אויס-
געאָטעמט געוואָרן פון די בערג?

אַ, עס איז אומזיסט די געטלעכע בליקן, און אומניצלעך דיין אַרויסטריט,
און וואָס קענען העלפן שאַרפע בליקן אויף צוריק: און די פראַגע
צו יענע וועגט אין די שטיינערנע גאַסן . . .

פאַרלאַנג דיין ערד, פאַר דיין יעגער, און פאַר דיינע אַלע אונטעדריקטע
. . . די פאַרהונגערטע אין ערטער פון אייראָפּע, און דער געוויין
פון זייערע גריבער־היילן, אַז אויך זיי זיינען געבוירן געוואָרן צו
זיין יורשים פון דער ערד, און פאַרלאַנגען זייער חלק!

גיי צוריק! צוריק צו דיינע וועלדער, אויף דער זייט צו מערב פון וואַבאַש!

דאָרטן וועסטו הערשן ווי אַ הערשער, און אונטערשפּרייטן די בלעטער
פון די ביימער,

וועסט זיך אויסבעטן דיין דיל פון דיין פּאַלאַץ, מיטן גאָלד פונם זומער,
פון סאָסנע ביימער דיינע געצעלטן בויען, און איינאָטעמען די
לופט פון צווייגן, ווייל דאָרטן ביסטו דער גבור, און מעכטיק, אַ
העלד, און אַ רייטער אויף די ווילדע פערד;

דאָרטן וועסטו טרייבן, דאָרטן וועסטו זיך יאָגן נאָך ווילדע פערד, הירשן
און נאָך זייערע הערנער . . .

דאָרטן וועסטו איינאָטעמען דעם רויש פונם לויפנדן וואַסער פון טייכלעך
ווי די „אמאַוההאַוס,"* און דורך די ווילדקייטן פון שוואַרצער
ראָב'ס גאַנג,

וואָס פאַר שרעקנדיקע מורמלען, רופן דען אַרוים אין דיין האַרץ יענע
בערג פון ווילדערניש?

דער געוויין פונם פוקס, און דעם אָדלער, און דער ווידערקול פון דער
בעהעמוט חיה,

וועלכע ווערן פון אַ דונער־שאָס אַזוי ברוטאַל און הילפלאָז געכאַפּט
. . . איז דאָס דען ניט אַן אויסגערעכנטער פּלאַן? אַ פּלאַן צו
פאַרניכטען די ראַסע פון דעם רויטן מאַן?

---

* אמאוההאוס — אינדיאַנער געטער.

ס'איז אַ סך טויטלעכער צו דיר, און צו דיין ראַסע, ווי צום ווילדן רעוועז
פון דער בייזער חיה,

יאָ! דיין הילצערנע שיפל, וואָס שטענדיק שיפּט זיך און אָטעמט איין
די לופט פון די וואַסערן פון „מיזורי"!

טרויעריק איז די דערשיינונג, פּאַראוים ווייט, ווייט אין די פעלדער
ברענען די גרויסע „קעמפּ-פייערן", זיי גלאַנצן דורך די נעכט, און
די כמאַרעס פון שטויב דורך די גרויע נעבלדיקע פּרימאַרגנס.

זוך ניט די סטעזשקעס, און ניט די היטערס ווילדע פערד! ווייל עס
קומט אַ „קאַראַוואַן", פּאַרוויסן דיין מדבר, און פאַרנעמען דיינע
שטרעקעס (קאַמאַטשעס) וואוינונגען.

אַ, אַזוי ווי דער אָטעם פון די סאַקסן, און גילטס, און דער אויפריים
פון ווינט פון מזרח,

— דער ווינט וועלכער בלאָזט פאַר אייביק צו מערב אַ שטויביקן רויך,
אויף אַלע דיינע געצעלטן . . .

ק ע נ י ג - פ אָ ע ט

פון יודזשין פיעלד

(יידיש: ב. באטשעלים)

כאָטש איך בין אַ קעניג, דאָך האָב איך קיין קרוין,
דעם יאָך פון דעם לעבן טראָג איך ניט אַליין,
איך האָב קיין מלוכה און לייד ניט פון שרעק,
דעם קלאַנג פון די לידער נעמט קיינער אַוועק.
איך האָב קיין באַדינער וואָס שטייען אויף קני,
מיר דינען און לויבן, ניט שוואַכן מיין מי,
מיין דיכטער-נשמה איז מעכטיק און שטאַרק,
מיין ליד און מיין לירע, דער לאַסט אויף מיין קאַרק.
מיין וואונטש אַז די פרייד איז פאַר אַלעמען גלייך —
אַ דיכטער אַ קעניג זינגט לידער פאַר אייך.

וואו איז דער קעניג? די גאַס דאַרף ניט פרעגן.
— דער קעניג ער וואַנדערט אַרום אויף גאַטס וועגן,
און אַלע צופרידן, אַזוי דאַרף דאָס זיין —
אַ הערשאַפט ביים דיכטער איז קיינמאָל פאַראַן.
אַ דיכטער אַ פרייער יאַ שטענדיק איך שפּיר
שטאָלץ, ניט פאַרשאָלטן גיי איך מיר אויף פריי
און שאַף מיינע לידער בלויז צוליב קונסט
(און נאַ דיר מיין גוטער געזאַנג ווען דו מאַנסט).
אייך מוז דערגרייכן דער טאָן און דער קלאַנג —
דערפאַר רופט מיך קעניג-פּאָעט פון געזאַנג.

קריין איך די לידער מיט שפּיץ פון דער פען,
קומט פאַרט די מוזע מיט פלאַם און מיט ברען,
שטעלט מיך צופרידן די ליד פון מיין צייט —
אַ דיכטערס עקשנות — דער קלאַנג זאָל זיין ווייט,

עס רייסט די נשמה דער טאָן זאָל זיין זיס,
צוזאַמען מיט פרעמדע מיין דיכטונג געניס . . .
גיי איך מיין גאַנג זיך, מיין לירע שפּילט שיין,
מיט צאַרטע געפילן ס׳איז גרינג צו פאַרשטיין.
אין קאָן ניט פאַרבאָרגן די שיינקייט פון טאָן,
ווייל איך בין א קעניג און האָב ניט קיין טראָן . . .

צום הערשנדן קעניג א בלאָז פון א ווינט —
אויס קעניג, א טויטער, זיין הערשאַפט צו גרונט . . .
פאַרטיליקט פון שטורעם, פון מענטשלעכן פיין,
און לויטער וועט ווערן דער מאָרגן מיט שיין;
און איך וועל אייך זינגען דעם לירישן טאָן:
מיין ליד וועט ניט שטאַרבן — זי הויבט זיך ערשטן אָן,
ווייל איך בין א הערשער בלויז איבער מיין גוף,
די לידער פון קוואַלן די מוזע איך רוף.
און איר זענט מקנא מיין ליד פאַר דעם קלאַנג —
גרויס איז א דיכטער, א קעניגס געזאַנג . . .

קומט, ברידער, ווערט הערשער און קעניגט ווי איך,
דער טאָג וואַרט ניט לאַנג, דער אָוונט קומט גיך.
מאַכט אַלעם גרינגער, דעם שוואַכן גיט מוט,
פאַרטיידיקט דעם אמת; געזעכט זיין איז גוט.
באַפרייט די געפילן, דאָס ליד זינגט מיט ברען,
די שטאַרקסטע און מעכטיקסטע וואָפן — די פען.
זאָל פליסן די טרער, זאָל זידן דאָס בלוט,
א דיכטער ,א הערשער, זיין ליד מוז זיין גוט.
אַזוי דאַרף מען זינגען, א פלאַם דאָס געזאַנג;
ווערט קעניגע אַלע, דאָס איז מיין פאַרלאַנג.

מ י י ן ט אָ ג

פון ראָבערט לואיס סטיווענסאָן

איך האָב אַ קליינעם שאָטן,
וואָס ציט איין און אויס מיט מיר,
און וואָס קאָן זיין די נוצן,
פאַרשטיין איז שווער אָן שיעור . . .
— ער איז אין מיר געראָטן,
פון אונטן, ביז אַרויף,
כ'זע אים טאַנצן לעבן מיר,
ווען כ'גיי אין בעט צום שלאָף . . .

דאָס שענסטע אינם שאָטן,
איז ווי ער וואַקסט גיך אויס,
נים לאַנגזאַם פונקט ווי קינדער,
ער וואַקסט אויס אין דער גרויס . . .
ער טוט אַ שפּרינג גאַנץ הויך,
ווי פון גומען אַזאַ קנויל . . .
און ווערט באַלד קורץ, קלענער,
כאַטש שלינג אים איין אין מויל! . . .

דער שאָטן האָט קיין מאַכט נים,
מיט קינדער זיך צו שפּילן;
גאַנץ אָפט מאַכט ער אַ נאַר פון מיר,
און לאַכט פון די געפילן . . .
אָט שטייט ער, דאַכט זיך, לעבן מיר,
און ווי אַ פייגלינג גאָר . . .
און באַלד ווערט ער פאַרשוואונדן,
און לאָזט פון זיך קיין שפור . . .

צום טאָג, אַ שיינער מאָרגן,
די זון שפּאַצירט אַרום,
בין איך מיר אויפגעשטאַנען,
דער טוי ליגט אויף ערדם שוים:
דער פּוילער קליינער שאָטן,
צעקראָכנדיק, ניט רעדט,
איז גאָר אין דער היים, אונטער מיר,
און שלאָפט גאָר אין מיין בעט.

אינהאַלט

מיין שטאָם

מיין פרוי — 9
אייגענע און פרעמדע: מיין זיידע; די באָבע — 10
מיין טאַטע — 17
שטריכן פון מיין מאַמען — 21
זיבן ברידער — 22
מיין שוועסטער — 26
לאה׳קע — 29
ווער בין איך? — 32
מיין זונס בר מצוה — 35
אַנטוישונגען (מיין זון ראָבערטן) — 37
בליקן צום הימל — 40
מיין מאַמע — 42
מיין מאַמעס ירושה — 43
דער יאָר־צייט — 44

בלעטער פון לעבן

בלעטן פון לעבן — 47
אין גאַנג פון לעבן — 48
אלול׳דיקע טעג — 50
מיין שטעטל קאשאוואטע — 53
חנוכה — 54
ערב פסח — 56
דער שבת גוי — 58
מיין שפראַך — 59

דערציייל פאָעט

דערצייל פאָעט — 63
גייסטער פון מיין דור — 64

די באַלאַדע פון אַלטן דיכטער — 68
שיינק אַ ליד, מיין דיכטער — 71
טרוימען — 72
אומרו — 73
דער שומר — 75
עכאָס פון דיכטער — 76
אַן ענטפער צו אַ דיכטער — 78
אַ יידישער דיכטער אין פרעמדע סטעפּעס — 81
אַ האַרץ מיינס, האַרץ — 82
אַ פרייער מענטש — 83
דער ליגן — 84
צו אַ דיכטער פריינט — 85
פאַרשטומט געזאַנג — 86
דיין גאָט — 88
אַלעס אָטעמט — 89
די לאַסט פונעם דיכטער — 91
אַ דיכטער — 93
אַזוי זינג איך; שטימונגען — 94
אינעם דיכטער־לאַנד — 95
דער רוף פונעם נביא — 96
די זון גייט אויף ווידער און ווידער — 98
זיסע חלומות — 99
ווען סטרונעס ריידן — 101

דורות פון צער און צאָרן

דורות פון צער און צאָרן — 105
קהלת פון נעכטן — 109
דער צווייפלער — 110
עכאָס פון היטלער־טעג — 113
משומדים — 114
דער קריסטלעכער ייד — 116
דריי און ניינציק יידישע טעכטער — 120
איינער געבליבן — 122

געפּילפּולע מענטשן

"The Scapegoat" בילד — 127
דער שעיר לעזאזל „דהי סקייפּ גאָוט" — 129
דער שווייגער — 130
וואָס וועלן זיי דערציילן דער וועלט — 133
נשמה'דיקע מענטשן — 135
שטאַרקער פון לעבן — 136
אין דער נשמה פוגם מענטשן — 138
האָט איר ווען געזען? — 139
אַ פּאַרלאָרענער שטערן — 141
דער מאַרטירער — 142
די אייביקע נאַכט — 143
יוגנט און אַלטקייט — 144

באַלאַדן, מעשיות און לעגענדן

נפתלי — 149
דעם שניידערס שער — 157
דער משפט — 162
ביי אַ באַנקעט — 165
דער נייער משיח — 168
דאָס ניט געענדיקטע ליד — 171
דעם פישערמאַנס חלום — 177
די באַלאַדע פון אַמעריקאַנער ליבעס — 184
מיין שכן — 189

קינדערשע מחשבות'ן און לידער

אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט — 193
אַ שלעכטע ווייב — 194
אַ ציג און אַ פייגעלע — 195
די סטאַטוע — 196
געוויסן — 198
מיין יינגעלע — 199

דאָס ייִנגעלע און דער בער — 201
אַן עצה — 203
געדענקסטו דאָס לידל? — 204
ווען איך זאָל זיין אַ ייִנגעלע — 205
דער בלינדער זיידע — 207
אַ פאַרשייט ייִנגעלע — 209
אויפן גרויסן באַרג — 210

צעוואָרפענע פערל

צעוואָרפענע לידער — 213
אַ פראַגע — 213
אין פריהע פירמאָרגנס — 214
די שיינע זון — 214
מאַמענטן אַזעלכע — 215
פאַרלאָרענער בטחון — 215
פערזן — 216
מאָרגן אין די הויכע הויכן — 217
הימלשע סודות — 218
די בושה — 220
דער שטאָלץ פון אַרבעטער — 221
שפּיל אָרקעסטער — 222
אַ טאָג איז געשטאָרבן — 223
ביים טייכל — 224
די דערוואַכונג — 225
אַ מאַמע — 226
אַ תפילה — 227
גאָט און מענטש — 228
אַ חלום — 330
צוויי שוועסטער — 232
דער מיש־מאַש — 233
ניו יאָרק — 235
פּאָרטלאנד, אָרעגאָן — 238

פרילינג און האַרבסט
קאַליפאָרניע—לאָס אַנגעלעס

פרילינג — 241
מאַי — 243
טעג פון יוני — 244
אויס זומער — 245
פרילינג סוף זומער — 247
האַרבסט — 248
קאַליפאָרניע — 249
לאָס אַנגעלעס — 250

פון פרעמדע שפּראַכן

בוימער — 253
אָ קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן! — 254
אויב — 255
אַ תּפילה — 257
צאַנקענדיקע ליכט — 258
אַ רעגנדיקער טאָג — 260
די בויער — 261
דער גייסט פון פּאָעזיע — 263
די יאָגנדיקע וואָלקנס — 266
קעניג־פּאָעט — 269
מיין טאָג — 271